STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10793

SHAYN UN OPSHAYN

Itzik Fefer

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

איציק פעפער

שײַן און אָפּשײַן

אָ ג י ז
מעלוכע-פארלאג „דער עמעס"
מאָסקווע, 1946

מײַן שוועלע

מײַן שווּע

איכ שווער בא דער ליכטיקער זונ, בא די שטוינענדע שטערנ,
איכ שווער היַינט בא אלצ, וואָס א פּאָשעטער מענטש קאָנ נאָר שווערנ,
איכ שווער בא די הערצער, וואָס זידנ אינ שלאכטנ אונ קאָכנ,
איכ שווער בא די שטאמענ פונ גליק, וואָס דער פּיַינט האָט צעבראָכנ,
איכ שווער בא די ווערבעס, וואָס שטייענ באם דניעפּער געבויגנ,
איכ שווער בא דעם בלוט, בא דעם אומרו פונ מיַינע צוויי אויגנ:
מיַינ האס וועט ניט אויסגייג, מיַינ צאָרנ אינ קעלט וועט ניט קילנ,
ביז כ'וועל אפּ מיַינ אָרעמ דאָס בלוט פונעמ פּיַינט ניט דערפילנ!

אונ אויב ס'וועט דער פינצטערער וויכער א האנט מיר צעפליקנ,
וועל איכ מיט דער צווייטער דעם פּיַינטלעכנ אָטעמ דערשטיקנ;
אונ אויב ס'וועט א קויל מיר די האנט אויכ די צווייטע צעדרויבנ,
וועל איכ מיט מיַינ ביטערער סינע דעם ווייטעק פארטויבנ!

אבי נאָר די פיס מיַינע וועלנ מיכ טראָגנ, מיר דינענ —
אינ פּיַיער, אינ וואסער וועל איכ אימ, דעם סוינע, געפינענ.

און אויב ס׳וועט מיט בלינדקייט פארלעשן די אויגן די נאכט מיר,
וועט ווייזן מיין סינע — מיין שוועסטער די וועגן אין שלאכט מיר.
דאָס ציטערדיק אויג פון מיין הארץ וועט דעם סוינע אנטפלעקן,
דער פלאם פון מיין האס וועט אפ אייביק זיין זייכער פארמעקן.

אָט דאָס איז מיין שווּע, וואָס כ׳שווער היינט דעם לאנד פון די ראטן,
מיין אוראלטן פאָלק און מיין אלטינקער מאמען, מיין טאטן,
און דאָס איז מיין ניידער; און אויב איך וועל ביידע זיי ברעכן,
זאָל דעמלט מיין פאָלק מיט דער שפיז פון פאראכטונג מיך שטעכן!
און אויב כ׳וועל דעם פיינט פון דער ליכטיקער וועלט ניט פארטרייבן,
אז ס׳זאָל פון זיין מיעסקייט קיין סאָריד-אופאָליט ניט בלייבן,
זאָל ווערן צום אייביקן שאנד-סלופ געפעסטיקט מיין נאָמען,
דעם אש פון מיין לייב זאָל די ערד-קויל ניט אופנעמען. אָמיין!

סטאלינ

זאָג איכ סטאלינ — מיינ איכ שייַנ,
מיינ איכ אייביק גליקלעכ זייַנ,
מיינ איכ קיינמאָל שוינ ניט וויסנ,
שוינ ניט וויסנ פונ קיינ פייַנ.

זאָג איכ סטאלינ — מיינ איכ דיכ,
זאָג איכ סטאלינ — מיינ איכ זיכ,
זאָג איכ סטאלינ — מיינ איכ פליגל,
פליִענ ווייַט אונ פליִענ גיכ!

זאָג איכ סטאלינ — מיינ איכ מיר,
מיינ איכ מאזל אָנ א שיר,
מיינ איכ קיינמאָל שוינ ניט וויסנ
פונ קיינ צוגעמאכטער טיר!

זאָג איכ סטאלינ — מיינ איכ מוט,
זאָג איכ סטאלינ — מיינ איכ גוט,
מיינ איכ פינקלדיקע אויגנ,
מיינ איכ קיינמאָל ניט גערוט!

זאָג איכ סטאלינ — מיינ איכ דראנג,
פולע הערצער מיט געזאנג,
ס'איז די עלטער ניט קיינ עלטער,
ווענ די יוגנט איז אינ גאנג.

זאָג איכ סטאלינ — מיינ איכ ברויז,
מיינ איכ פרייד אינ יעדנ הויז,
מיינ איכ ליבנ, מיינ איכ האסנ,
מיינ איכ טראָגנ זיכ פאָרויס!

זאָג איכ סטאַלינ — מיינ איכ: יאָ,
ווו דו רופסט מיכ — בינ איכ דאָ,
ביסט מײַנ הײַנט אונ ביסט מײַנ נעכטנ,
ביסט מײַנ מאָרגנדיקע שאָ!

ס'וויגט די וועלט זיכ ווי א וויג,
ס'הוידעט זיכ די וועלט אינ קריג,
זאָג איכ סטאַלינ — מיינ איכ קעמפנ,
זאָג איכ סטאַלינ — מיינ איכ זיג!

די טערקישע שאל

איך קוק אפ דער זײַדענער טערקישער שאל,
און ס'טוט די דערמאָנונג א שלאָג ווי א קוואל.

איך קוק אפ דער טערקישער שאל און איך קלער,
ווי קומט זי, די אלטע, אצינדער אהער...

יאָ, צײַטנ! איך הער אײַער רופ, אײַער שאל
אינ בונטע געמעלנ פונ טערקישער שאל...

אינ פארבנ אינ אירע איך פיל אײַער דראנג,
אינ קנייטשנ אינ אירע איך פיל אײַער גאנג...

איך האָב זי, מיר דאכט זיך, אמאָל שוינ געזענ,
נאָר בראָט מיך און ברענט מיך, געדענק איך ניט ווענ!

אינ וועלכנ יאָרהונדערט, אינ וואָס פאר א לאנד,
מיר דאכט, כ'האָב די זעלבע באַרירט מיט מײַנ האנט,

געצערטלט דעם דינעם, דעם זעלטענעם שטאָפ,
און עפשער האָב איך זי געזענ נאָר אינ שלאָף?

אוואדע די זעלבע! דער זעלבער קאָליר,
איך טו מיט א ציטער פונ פינגער א ריר...

און כ'בלײַב ווי פארקישעפט, איך קוק אפ דער שאל,
כ'דערקענ אירע פאלדנ, וואָס טוענ א פאל,

אזוי ווי די כוואליעס די שטילסטע פונ יאם,
עס פעלט נאָר איר רויטקײַט, אמאָליקער פלאם.

די בלויקײַט איז אויך שוינ ניט די, וואָס אמאָל,
די גרינקײַט דערמאָנט אינ א הארבסטיקנ טאָל.

מיר דאכט, אז אפ טונקעלע, רוישיקע מערק
האָט זי נאָך מײַנ זיידע געקויפט בא א טערק

און האָט זי זײַנ קאלע דער יונגער געבראכט.
און זי האָט באקוקט און באוווּנדערט: א פראכט!

מיר דאכט, אז מײַן באָבע האָט שטיל פארן טויט
די טערקישע שאל אירע טעכטער פארטרויט...

פון דורות צו דורות געגאנגען אין די שאל,
געזאפט אין די פעדעם פון טרערן די גאל,

געהיט אף די קוויטן די צארטקייט פון הענט
און האָט מיט איר בונטקייט דורך דורות געבלענדט.

זי האָט אין יאָמטויווים געלויכט אף דער שיין
און היט די סימאָנים פון פלאמיקן ווײַן...

אָ ניין, ס'איז א טאָעס! איך קוק זיך אַרײַן,
ס'איז ניט קיין סימאָנים פון פלאמיקן ווײַן.

א טראָפן פון ווײַן טוט א בלענד און פארקילט,
איך האָב אין די טראָפנס א פײַער דערפילט...

זיי בריִען די פינגער און ס'פלאטערט אין זיי
אן אלטער, א הייסער פארבאָרגענער וויי...

פון וועלכן יאָרהונדערט — איך ווייס ניט אצינד,
די טראָפנס פארטויבן, זיי מאכן מיך בלינד...

זיי שמעקן מיט פאכעד, מיט פאָכן פון רוט,
זיי שמעקן מיט פיקעס, געשווענקטע אין בלוט...

עס פאלט א דערשטוינטער מײַן טונקעלער בליק —
די שאל איז צעריסן, עס פעלט איר א שטיק!

געוועזן איז אן אָוונט, א נאכט און א שלאכט,
די שאל האָט געווייט ווי א פאָן אין דער נאכט.

געווייט, אף א בלוטיקן שליאך זיך געשפרייט,
א קויל האָט די שאל מיט מײַן שוועסטער צעשיידט.

איך קוק אף מײַן שוועסטער, וואָס רוט בא א קוואל,
צוקאָפנס בא איר — די פארוואונדעטע שאל.

בלײַ

איך בין געוווינט שוין קוקן אויף בלײַ,
איך בין געוווינט שוין צו זײַן קעלט און צו זײַן פײַער,
איך האָב דערפֿילט, ווי ער איז מיר געטרײַ
און ווי מײַן אָרעם לײַב איז בײַ אים טײַער.

ער הענגט בײַ מיר אין זעקל בײַ דער זײַט,
און ניט ער רוט, און ניט ער רופֿט, און ניט ער זשאַווערט,
ווי שווער איז זי, די שווידערלעכע צײַט,
ווען ס'הייסע בלוט מיט קאַלטן בלײַ זיך כאַווערט.

עס זוכט דער בלײַ זײַן קאָרבן און געפֿינט,
ער רײַסט זיך דורך אַלע שמאָלסטע רערן,
און ס'גיסט זיך אָן מיט אים דער שווערער ווינט,
און ס'ווערן שווער מיט אים די גרינגע שטערן.

דער שווערער ווינט, וואָס ברענגט דעם גרויס פֿון שלאַכט,
קלאַפּט אָן אין שויב מיט גרויסע הענט פֿון טרויער,
די שטערן מאַכן פֿינצטערער די נאַכט,
ווען פֿרעמדע באָמבעס רײַסן זיך בײַם טויער.

דער בלײַ, וואָס האָט מײַן האַרץ אַזוי געדריקט,
וואָס האָט מײַן זײַן מיט שווידער דורכגענומען,
האָט זיך איבער דער גאָרער וועלט צעוויגט
און ווי אַ הערשער אויף דער' וועלט געקומען!

דער בלײַ, וואָס האָט געפּענטעט מײַן געמיט,
איז איצט מײַן איינציקער און זיכערסטער באַגלייטער,
ער היט מײַן סאָד, מײַן פֿרילינג און מײַן צוויט,
מײַן שטאָלצע היים אויף גאָרער ערד דער ברייטער...

איך בין געוווינט שוין קוקן אויף בלײַ,
איך בין געוווינט שוין צו זײַן קעלט און צו זײַן פֿײַער,
איך האָב דערפֿילט, ווי ער איז מיר געטרײַ
און ווי מײַן אָרעם לײַב איז בײַ אים טײַער.

האָב איך נאָך א שטיקל הארץ

כ׳האָב געהאט אמאָל א סאָד, האָט מען אים געקנאָטן,
כ׳האָב געהאט אמאָל א היים, האָט מען זי צעטראָטן,
און מיט טליִענדיקן אש האָט מען זי פארשאָטן...

ס׳האָט מײַן שטעטעלע ווי שטרוי אין דער נאכט געפלאקערט,
און מײַן הימל און מײַן בלוי איז מיט בלײַ צעאקערט,
אָפגעזונגען, אָפּגעוויינט, טונקל אָפּגעפלאקערט...

כ׳האָב אמאָל געהאט א בעט, שלאָפן אין דעם שלאנגען,
כ׳האָב געהאט א שטילע ליכט, איז זי אויסגעגאנגען,
אפן שוועל פון טאָג און נאכט איז זי אויסגעגאנגען...

אויגן שיקערע פון בלוט בריִען מיך און בראָטן,
און פון מײַן אמאָליק גליק זע איך בלויז א שאָטן,
איבער מיר און הינטער מיר לאָקערט אלץ דער שאָטן...

כ׳האָב געהאט א שלאנקן בוים, פלעגט ער רוישן, וואקסן,
קומען העקער מיט די העק, מאכן פון אים אקסן,
נאָגנדיקע, קלאָגנדיקע, סקריפּענדיקע אקסן...

קלאָגט אין מיר מײַן אוראלט הארץ, הייס איך דעם ניט קלאָגן,
ווערט עס שווערער פון א שטיין, קאָן איך עס ניט טראָגן,
מײַנע ווערטער ווערן העק — ניט ארויסצוזאָגן.

האָב איך נאָך א שטיקל הארץ, וויל מען עס צעשיסן,
האָב איך נאָך א פיצל לײַב, וואָלט מען עס צעריסן,
האָב איך מיר א טראָפּן בלוט, וויל מען עס פארגיסן...

וועל איך שטיין אין דעם געפעכט, ביז ס׳וועט גאנצ מײַן הויט זײַן,
ביז דער פײַנט, דער לעצטער פײַנט, וועט אין פעלד ניט טויט זײַן,
ביז זײַן טרער, זײַן גרויסע טרער וועט פון בלוט ניט רויט זײַן!

באמ פרישנ קייווער

פארדעקט אימ ניט די אויגנ מיט קיינ שערבלעכ,
אונ זאָל ער זענ די פאקלענ פונ דער שלאכט,
דער טויט אליינ האָט אימ געמאכט אומשטערבלעכ,
דער לעצטער פאל האָט אימ בארימט געמאכט.

ווי וועט ער ליגנ מיט פארדעקטע אויגנ,
ווענ ער האָט פּיינט געהאַט די רו ווי סאמ?
ווי וועט ער זענ, ווי ס'שטייענ אָנגעבויגנ
די שטילע ווערבעס בא זיינ שטאָלצער צאמ?

געווינט איז ער: די הייכ זאָל שטענדיק הודענ,
אונ וואקסנ זאָל צו אימ דאָס קאָרנברויט...
ער איז געבוירנ אפ דער ערד דאָ צוליב רו דענ?
ער איז געפאלנ אפ דער ערד דאָ זיינ שוינ טויט?

אונ ניט אומזיסט האָט ער געוואָגלט אונ געוואנדערט,
אווו א סטעפ, אונ ווו א בארג, אונ ווו א וואלד,
איז דענ אינ אויגנ זיינע עפעס ניט פאראנ דאָרט
אזוינס, וואָס קאָנ די ערד-פלאכ טונ א שפאלט?..

אזוינס, וואָס גרייכנ צו דער הויכער זונ קענ?
אזוינס, וואָס ווארפט אמאָל אינ היצ, אינ קעלט?
איז דענ די קראפט פונ בליק זיינעמ פארזונקענ?
איז דענ זיינ שוווּנג קיינ רופ ניט צו דער וועלט?

וואָס שטייענ דאָ די קלעזמער אונ זיי ברומקענ?
וואָס זיינענ בא באגלייטער אויגנ רויט?
ווער האָט געזאָגט, אז שטארבנ הייסט שוינ אומקומ,
ווער האָט געזאָגט, אז שטארבנ הייסט שוינ טויט?

מיר טרינקען אָפּט פֿון קוואַלן פֿון פֿאַרגרויטע
און הערן ניט דאָס קאָל פֿון נײַעם ברויז.
עס טרעפֿט, אַז לעבעדיקע ווירקן ווי די טויטע,
און ס'טרעפֿט, אַז טויטע פֿירן אונדז פֿאַרויס!

און אָט דער מענטש, וואָס איז אין שלאַכט געפֿאַלן,
וואָס האָט זײַן מוט דעם מוטערלאַנד פֿאַרטרויט,
מיר שעפּן העלדישקייט פֿון זײַנע קוואַלן
און שעפּן לעבנס-כאָכמע פֿון זײַן טויט!..

קאָלירן

כ׳האָב ליב די פיל־קאָלירטע וועלט
פון בארג־שפיצן און טהאָמען,
מיך ציט די גרינקייט פונעם פעלד,
פון גראָז די דינע שטראָמען...

און קיינמאָל ווערט מײַן אויג ניט זאט,
און ס׳ווערט ניט נימעס טרינקען
די שארפע גרינקייט פונעם בלאט,
וואָס ווערט אין זון פארזונקען...

כ׳האָב ליב די שוימענדיקע שפיל,
דעם פינקל פון די פארבן,
ווי קאָנען אויגן בלײַבן קיל
צום גאָלד פון זונען־גארבן?

צום האָניק פון דער זונענשײַן,
צום געלן רויש פון קאָרן,
איך פאל פארטאָג אין אים ארײַן
און ווער אין אים פארלאָרן...

כ׳האָב ליב דעם פלאטער פונעם טוי,
די טראָפנס פערלמוטער,
איך וויקל זיך אין הימל־בלוי
ווי אין א בלויען פוטער...

עס שיקערט מיך ווי אלטער וויַין
די ווײַסקייט פון די שנייען,
ווען ס׳קומט אפ זיי א קאלטע שײַן
די זוימען ליכט פארזייען...

'ניט אײן מאָל האָט אפּ טריט און שריט
די שװאַרצקײט מיך געצװיגן,
ס'איז דער קאָליר פֿון אנטראַציט
און פֿון מײַן מײדלס אױגן...

און יענע שװאַרצקײַט כ'לױב און אכט
און װעל אין אױג זי האלטן,
זי האָט אין מאנטלען פֿון דער נאכט
פֿון סױנע מיך באהאלטן...

נאָר מער פֿון יעטװידן קאָליר
איז ליב מיר פֿון לאנגאָנען
די פֿארב, װאָס פֿלאקערט אין עפּיר,
די רױטקײַט פֿון די פֿאָנען!

א באַלאַדע וועגן דעם זאָקן מיטן טשעמאָדאַן

עס קראַכט, עס דונערט, די הייך וויל אויסשיטן
די דונערס אירע מיטאַמאָל.
ווער רוקט זיך שטענדיק דורך וואַלד דורך רוישיקן,
ווער שלעפּט זיך עס דורך באַרג און טאָל?
ווער גייט מיט אַלטע צרות א באַוואַקסענער,
מיט שטומען פּאַכעד אין זײַן שפּאַן?
עס גייט אן אײַנזאַמער, עס גייט א וואַקסענער —
א זאָקן מיט א טשעמאָדאַן.

ער גייט, וווהין די קראַנקע אויגן פירן אים,
וווהין עס טרײַבט אים די געפאַר,
ער זעט א בריק, א ווײַטן, א פּאַפּירענעם
איבער זײַן יאַם פון טיפן צאַר...
צי וועט ער דורכקומען, צי וועט ער אומקומען,
דאָס ווייסט ער ניט, דער אַלטער מאַן,
ער שווימט אין יאַם פון טרויער א דערטרונקענער —
דער זאָקן מיטן טשעמאָדאַן...

ער האָט א סאָד געהאַט מיט שאָטנס בוימיקע,
ער האָט געהאַט א גוטע נעסט,
און אונטער ביימער — ווי די בעכערס שוימיקע —
האָבן געזונגען זײַנע געסט.
ער האָט א שטוב געהאַט, ער האָט א דאַך געהאַט,
עס איז אים זייער גוט געגאַן,
און מ'האָט געזאָגט אָפ אים: ער האָט א סאַך געהאַט —
דער זאָקן מיטן טשעמאָדאַן.

ער האָט א ווײַב געהאַט, וווּ איז זי — ווייסט ער ניט,
זײַן שיינע שטוב האָט אָפּגעברענט,
עס קומט קיין מאַלעך ניט, עס קומט קיין טרייסטער ניט,
די יינגסטע שנור האָט מען געשענדט.

ער האָט צווײ זין געהאַט — און איצט קײן אײנעם ניט,
געהאַט אַ טעכטערל אַ שוואַן,
איצט האָט ער גאָרנישט ניט, איצט האָט ער קײנעם ניט —
דער זאָקן מיטן טשעמאָדאַן.

איז אָט דער זאָקן עפּשער יענער וואַנדערער,
וואָס וואַנדערט שוין אַ וועלט מיט צײַט
דורך דוירעס-ווײסכעניש? צי ס'איז אַן אַנדערער,
וואָס קומט אַהער פֿון גאָר ניט ווײַט?
און נעכטן האָט ער אין זײַן פּעלץ דעם טכוירענעם
די וועלט באַראַשט, דער יונגער טאַן,
און ס'האָט די בײזע נאַכט אַפּסנײַ געבוירן אים —
אַ זאָקן מיט אַ טשעמאָדאַן?

און ס'האָט די בײזע צײַט, די גרויסע ראָשעטע,
די שוואַרצע ברעמען אָפּגעגרויט,
די קוילן-האָר פֿון יונגן קאָפּ פֿאַרפּראָשעט אים
מיט פּריקרע שנײען פֿונעם טויט...
די שלאַנקע פּלײצע זײַנע אויסגעבויגן אים
אין יענער נאַכט און טאָקע דאַן
אי אַלט אי וויסט געמאַכט די יונגע אויגן אים —
דעם זאָקן מיטן טשעמאָדאַן?

און עפּשער איז דאָס גאָר קײן גרויער זאָקן ניט,
און עפּשער איז אומישנע גאָר
באַ אים אַ מאָדנער בליק, אַזאַ צעשראָקענער,
אַזאַ מין גרויקײַט אין די האָר,
אַזאַ פֿאַרבלענדעניש, אַ פּעלץ אַ שאָפּענער,
אַ הרודע ערד, אַ שטיק טומאַן,
ס'איז פֿון דער דײַטשער טליע אַן אַנטלאָפּענער
דער זאָקן מיטן טשעמאָדאַן?

און עפּשער איז דאָס גאָר ניט קײנ קאַדמױנישער,
קײנ קאַלטער הױקערדיקער גרײַז —
ער גײט דורכ פֿינצטערניש, דורכ פֿרעמדקײַט סױנישער
אפֿ ברעכנ װאָלקנס, שפּאַלטנ אײַז.
און עפּשער איז דאָס גאָר א יונג א מעכטיקער,
װאָס גײט איצט אופֿרײַסנ א באַנ,
און ס׳שפּאַנט גאָר נאָכ נעקאָמע נאָכ גערעכטיקער
דער זאָקנ מיטנ טשעמאָדאַנ?..

װער איז דער אַלטיטשקער מיט ברעמענ שנײיִקע,
װער איז אָט דער פֿאַרשטעלטער גװאַר,
װאָס שפּאַנט מיט מידע טריט אז-אָכ-און-װײיִקע
און צינדט מיט צאָרנ די געפֿאַר?
אַזױפֿיל בלוט פֿאַרזײט... װו ז׳די גערעטעניש?
איר אופֿגאַנג זעט דער פּאַרטיזאַנ,
ס׳איז ניט קײנ נאַכט-געשפּענסט, ס׳איז ניט קײנ רעטעניש
דער זאָקנ מיטנ טשעמאָדאַנ.

דורכ אַלע אופֿרײַסנ, דורכ פֿעלדזנ פֿײַנטיקײַט
גײט דורכ זײַנ שאָטנ און זײַנ רומ.
עס װײסט די אײביקײַט, עס װײסט די הײַנטיקײַט,
זײַנ נאָמענ לױכט ניט אומעטומ.
נאָר ס׳װײסנ פֿײַנט מיט רױטע פֿינגער טליִשע:
ניטאָ קײנ רו אפֿ דר׳ערד, קאָלזמאַנ
עס שפּאַנט מיט שאַרפֿע אױגנ, מיט נעװיִשע,
דער זאָקנ מיטנ טשעמאָדאַנ.

בענקשאפט

איך וואָלט געוואָלט א שאָטן זײַן,
א ווינט, א שטויב, א ווײַנשל־בלעטל,
כ׳זאָל אפּ א רעגע בלויז ארײַן
אין שטילע געסלעך פון מײַן שטעטל.

כ׳זאָל כאָטש א קוק טאָן מיט איין אויג
אפּ דעם, וואָס כ׳האָב ניט לאנג פארלאָרן,
מײַן קאָפּ מײַן גרויען טון א בייג
צו די פארקילטע קינדער־יאָרן...

צי איז אין יענעם ליבן קאנט
פון אלץ א צייכן כאָטש פארבליבן?
איך וואָלט גענומען מיט מײַן האנט
א ביסל ליים פון זיידנס שטיבל...

איך וואָלט גענומען יענעם ליים,
אויב ס׳איז א סימען כאָטש פאראן דאָרט,
און ווי א סימען פון מײַן היים
וואָלט עס מיט מיר ארומגעוואנדערט...

איך וואָלט געוואָלט א ווערבע זײַן
און בייגן זיך צו יענע שטראָמען,
וואָס וויגן זיך אין אלטער שײַן
און כאזערן דײַן ווײַטן נאָמען.

יאָ, זיי געדענקען מיך געוויס,
די ווערבעס אין דעם וואסער־שפּיגל,
כ׳פלעג אויך ווי זיי מיט הוילע פיס
אפּ שטראָמען שיקערע זיך וויגן...

איך וואָלט געוואָלט א סרייפע זײַן,
און קיינער זאָל מײַן שווונג ניט צאמען,
אין יעדן הויז פון פײַנט ארײַן
וואָלט איך געוואָלט מיט מײַנע פלאמען.

ווען כ׳זאָל א דונער ווערן הײַנט,
וואָלט איך אהיים אוועקגעלאָפן,
איך וואָלט געטראָפן מײַנע פײַנט,
כ׳וואָלט ווי א דונער זיי געטראָפן!

צעשיידונג איז די שווערסטע פײַן,
כ׳וויל זײַן א בוים, א פיש, א פויגל,
א אינד וואָלט איך געוואָלט איצט זײַן,
נאָר זען מײַן היים מיט מײַנע אויגן...

בריקן

איבער אלע טײַכן הענגען בריקן,
ניט קיין בריקן — עמעסע אנטיקן...

שטאָל-געטאָקטע און מיט זון באַזוימטע,
הענגען זיי, ווי שלעסער אויסגעטרוימטע...

רופנדיקע, לופטיקע, צעבליצטע,
שטאָל-געטאָקטע, זון-באַזוימטע, האַלץ-געשניצטע...

ווי פון אלטע כוישעכדיקע צײַטן,
פליִען שפּארבערס פון א לאנד א ווײַטן.

שווארצע פויגלען טראָגן טויט און סינע,
בריקן ברענען איבער מײַן מעדינע...

די פּארענטשן ווי צעפליקטע פליגל
איבער טויטע אָפּגרונטן זיך וויגן...

פּאָרלעך פלעגן דאָ אמאָל שפּאצירן,
און דער שטויב אפילע פלעגט דאָ שעמערירן...

טרויער מײַנער! שטיי ניט אף די וועגן,
ווי א וועכטער שטעל זיך בא די ברעגן.

דו וועסט זײַן בא מיר דער ערשטער איידעס,
אז די בריקן, וואָס געדענקען מײַנע זיידעס,

וועלן זיך א הייב טאָן נאָך די שלאכטן,
אין די וואסערן זיך שפּיגלען אין פּארנאכטן.

איבער טײַכן וועלן הענגען בריקן.
ניט קיין בריקן — עמעסע אנטיקן.

ווײַל ס'איז דאָ אף דר'ערד א בריק אזא מין,
וואָס קיין סוינע שרעקט אים ניט, קיין פלאמען

נעמען ניט זײַן װוּנדער־שטאָפּ. צעפּליקן
קאָן מען ניט דעם בריק פון אַלע בריקן!

יענער בריק איז ניט פון האָלץ, פון אײַזן,
ער איז ניט צום שפּאַנען, ניט צום רײַזן,

און דער סוינע קאָן צו אים ניט גרייכן,
ער איז העכער פון זײַן קראַפט און סייכל!

ס׳איז דער בריק, װאָס אים געזען האָט קײנער,
און אַזאַ איז דאָ אינגאַנצן אײנער!

אײנער איבער טײַכן, טאָלן, װעגן —
האַרץ און הײמלאַנד זײַנען זײַנע ברעגן.

װי אַ רעגנבויגן זײַנע פאַרבן גליִען,
פון מײַן האַרץ הייבט אָן דער בריק זיך ציִען,

און מײַן הײמלאַנד מיט מײַן האַרץ פאַרבינדט ער,
אָט דער בריק, פון גלויבן אַ געשפּינטער.

טרויער מײַנער! בלאָנקע ניט אָפּ שליאַכן,
נעם אַ ביקס און גיי דעם בריק באַװאַכן!

א באַלאַדע וועגן זאָרגלאָזע פֿייגעלעך

וואָס טוען זיי, די פֿייגעלעך די נאַרישע?
זיי זינגען!
זיי שטייען אַף די דעמבעס אַף די גוואַרישע,
זיי זינגען!
זיי פּיקן מיט די שנאָבעלעך די צווײַגעלעך
און זינגען!
און שטייען זיי געפּאַנגענע אין שטײַגעלעך,
זיי זינגען!
וואָס טוען זיי, די פֿייגעלעך די נאַרישע?
זיי זינגען!
זיי הייבן זיך אין ווילדעניִשן כמאַרישע
און זינגען!
זיי טראָגן זיך די שטרויעלעך פֿאַר נעסטעלעך
און זינגען!
אָט קומען שוין די בריִענדיקע פֿרעסטעלעך,
זיי זינגען!
זיי מעגן ווערן אַלטע שוין און דאַרע שוין,
זיי זינגען!
וואָס ווייסן זיי, די פֿייגעלעך די נאַרישע?
זיי זינגען!
די רעגנס פֿון סענטיאַבער זײַנען אומעטיק,
זיי זינגען!
און ווידער קומען בליִענדיקע זומער-טעג,
זיי זינגען!
א מיידל וויינט בא ברענענדיקע טויערן,
זיי זינגען!
און ערגעץ רײַסן באָמבעס זיך אַף מויערן,
זיי זינגען!
עס וויינען שטעט באַלאַגערטע מיט פֿײַערן,
זיי זינגען!

א מאמע קלאָגט אפ זון אירן דעם טײַערן,
זיי זינגען!
די גאנצע וועלט אין גרויזאמער געפאר איז שוין,
זיי זינגען!
וואָס וויסן זיי, די פייגעלעך די נארישע?
זיי זינגען!
זיי קוקן אפן האקנקרייץ, וואָס קוילעט זיי,
און זינגען!
אבי עס שײַנט א פראָסטיקער דער מוילעד זיי,
זיי זינגען!
די גרויסע כורוועס מערן זיך און מערן זיך,
זיי זינגען!
עס באָדן גאנצע לענדער שוין אין טרערן זיך,
זיי זינגען!
עס זעצט פון ערד פארבלוטיקטער א פארע שוין,
זיי זינגען!
וואָס וויסן זיי, די פייגעלעך די נארישע?
זיי זינגען!
זיי פינטלען מיט די טאנצנדיקע אייגעלעך
און זינגען!
די זאָרגלאָזע די פויגלדיקע פייגעלעך —
זיי זינגען!

פײַער

ס'איז יעדערן באַשערט זײַן ביסל פײַער,
וואָס וואַרעמט, און וואָס לײַטערט, און וואָס שטאַרקט.
און ווײַל איז דעם, וואָס האָט זײַן פלאַמיקן צושטײַער
פאַר קומענדיקע דורות ניט געקאַרגט.

ניט אַלע ווילן זיך שוין הײַנט פאַרגינען
צעפֿאַקלען זיך פאַר מאָרגנדיקע טעג,
זיי בלײַבן בלויז דער רויך אין דעם באַגינען,
זיי בלײַבן בלויז דער רויך פונעם געשלעג.

אין איינעם גיט אַ בליץ אַ בליץ אַ בלויער,
אַ בליץ און ווערט מיט קאַלטן אַש באַשיט,
און דאָס איז אַלץ. די שוואַרצע ראַם פון טרויער
באַרעמלט זײַן פאַרלאָשענעם געמיט.

אַ צווייטער טראָגט אַ פלעמעלע אַ קליינקס,
אַ רויִקס ווי אַ ליכט אויף אַ קאָמאָד —
עס וועלקן האַרבסטן, און עס קומען פרילינגס,
דאָס פלעמל זעט מען ניט. עס איז אַ סאָד.

און ווי אַ פיסנע קאַנעץ טליעט דער דריטער,
ער טשאַדעט, און אים דאַכט זיך, אַז ער ברענט;
ווי אָרעם און ווי טונקל איז זײַן ציטער
אויף שטילע ביין-האַשמאָשעסדיקע ווענט.

אַ פערטער רוישט מיט פלאַמענדיקן גאָרניט,
ער שפריצט מיט פײַערלעך אויף יעדן קער,
נאָר ס'יאָגט אַ קעלט פון זיי, און ס'אַרט זיך אויף קיינעם האָר ניט —
ס'איז פײַערווערק, וואָס פינקלט, און ניט מער!

א פינפטער רייכערט, ווי א פּײַכטער דאָרן,
ער האָט קיין אומרו ניט, קיין לעבן ניט, קיין זין,
און ס'טליִען זײַנע טעג און זײַנע יאָרן
ווי אומעטיקע קוילן אין קאמין...

ווער דארף דעם רײַטער, וואָס האָט אָפּגערײַטערט
און האלט זײַן ביסל פײַער אפ א שלאָס;
א לויב צו די, וואָס טראָגן זיך צעשײַטערט
און ווייסן צוליב ווּעמען, צוליב וואָס.

א לויב צו די, וואָס האָבן זייער פײַער
געשלײַדערט אפ די שטעכן פון שטרײַט,
וואָס האָבן זייער פלאמיקן צושטײַער
געשענקט דעם לאנד, די דוירעס און דער צײַט!

א בוקאָווינער באַלאַדע

עס האָבן ברידער צוויי געלעבט
בא ברעגן פון דעם פרוט,
אין ביידע האָט געלעבט דער פלאַם
פון זייער זיידנס בלוט.

און זייער זיידע איז געווען
פון קאָבּיליצעס לײַט,
ס׳געדענקען בוקאָווינער בערג
דעם הילך פון יענער צײַט.

א פײַער ברענט און לעשט זיך אויס,
נאָר פונקען בלאָנקען אום,
ס׳דערציילן בלעטער אין דעם וואלד
פון קאָבּיליצעס רום...

ס׳האָט קאָבּיליצע ניט געהאט
קיין פעלדער און קיין פי,
האָט ער די אייניקלעך געלאָזט
פון הארץ זײַנעם דעם גלי.

אָט די ירושע האָט אין זיי
קיין רעגע ניט גערוט,
און אָרעם האָבן זיי געלעבט
בא ברעגן פון דעם פרוט.

ס׳האָט איינער אײַנגעשפּאַרט געפירט
די סאָכע אפן פעלד
און שווער געליטן פון דער נויט,
וואָס האָט באהערשט די וועלט...

דער צווייטער האָט א בייזן קוק,
א שארפע צונג געהאט,
ער איז געווען אין גרויסן קריג
פראנצ-יאָזעפס א סאָלדאט.

דער ערשטער — יאקאָוו, פלעגט אין נעכט
פארשעלטן דעם באָיאר
און שניצן קעסטעלעך פון בוק
אין גרויע טעג פון צאר...

און ס'האָט דער יינגערער געברומט:
— נו, וואָס איז, אז מע שעלט?
א מענטש ווי דו, מיין ברודער, דארף
זיך קריגן מיט דער וועלט!

— מיט וועמען קריגן זיך? ניט ברען.
דו ווייסט דאָך, ווי מע לעשט...
זיי האָבן צדאָדימ אָן א שיר
אין זייער בוקארעשט.

עס ווערט דער יינגערער סטעפאן
אין קאס אפ אים און שרייט:
— אפילע דו ווערסט ווי א שאָף,
א בראָך צו אונדזער צייט!

— וואָס איז דער מענטש דען פאר א מענטש,
ווען ס'שרעקט אים די געפאר?
עס רופט דאָס בלוט, עס שרייט דאָס בלוט,
וואָס שווייגסטו, אלטער נאר?

מיט סאמ און טויט איז איבערפול
די בוקאָווינער לופט.
עס רופט די טרער, עס שרייט דער ווי,
און קאָביליצע רופט.

פארטאָג איז מען אוועקגעגאַנ
פונ שטיבל זאַלבעצווייט,
דאָרט האָבנ יונגעג אינ די בערג
צום אופשטאַנד זיך געגרייט...

נאָר ס'האָט באַנעסקו דער באָיאַר
פונוויַיטנ זיי באַמערקט,
אונ טייקעפ איז ער מיט די הינט
געוועג שוינ אינ די בערג.

סטעפאַנעג האָט מען גלײַך געפאַקט,
אונ מיט א גראָבער שטריק
האָט מען געשלעפט אים פונ די בערג
אינ וואַלד אַריַינ צוריק...

אינ וואַלד האָט מען זיך אָפּגעשטעלט,
א שטריק איז שוינ פאַראַנ,
אונ אינ א פערטל שאָ ארום
געהאַנגענ איז סטעפאַנ...

אונ יאַקאָוו האָט זיך שטילערהייט
ארויסגעשאַרט פונ זיי,
ער מוז דערציילנ וועגנ אלצ
דער אופשטענדלער־ארמיי...

אונ ווענ ער האָט אַפּ אלע פיר
צום וואַלד דערשלעפּט זיך קוים,
האָט ער דערזעג, ווי זײַנ סטעפאַנ
זיך הוידעט אַפּ א בוים...

ער טוט א שפרונג צום בוים, א שניט.
דער ברודער פאַלט אַראָפּ.
דאָס פּאָנעם בלוי, אונ ס'קריכנ אים
די אויגנ פונעם קאָפּ...

ער האָט באַגראָבן אים אין וואַלד
און איז אוועק פאַרשטיינט.
זײַן גרויסן אומגליק און זײַן וווּנד
האָט בלויז דער וואַלד באַוויינט...

ער האָט געגאַנגען זיך אַהיים
מיט פּחד אין זײַן בליק,
ער האָט אַרומגעגאַרטלט זיך
מיט יענער לאַנגער שטריק.

זי וועט צוניץ קומען געוויס,
כאָטש איצט איז זי אַ לאַסט,
באַנעסקו האָט אַ גראָבן האַלדז,
די שטריק וואָלט אים געפּאַסט!

און ווען דער ערשטער רויטער פֿאָלק
איז נאָר אַרײַן אין דאָרף,
האָט יאַקאָוו מיט דער שטריק אין האַנט
געגעבן זיך אַ וואָרף.

און ווי אַ וואָלף איז יאַקאָוו גיך
געלאָפֿן דורכן פֿעלד,
און לעם באַנעסקוס הויכן הויף
האָט ער זיך אָפּגעשטעלט...

די אויגן — פֿלאַם, דער פֿויסט פֿאַרקלעמט,
די ליפּן — אין אַ שוים,
באַנעסקון הענגען וועט ער באַלד —
און אַפֿן זעלבן בוים!

ער לויפֿט אַרײַן אין ברייטן הויף
און טוט אַ שפּרונג צוריק:
באַנעסקו שטייט אַף מירמל־טרעפּ
מיט טויט־שרעק אין זײַן בליק.

און יאקאָוו קוקט אַף אים מיט האַס,
ער פילט זיך שטאָלץ און שטאַרק,
ער וואָלט די שטריק א וואָרף געטאָן,
פארשלייפט אים ארום קארק...

דאָס בלוט — עס קאָכט אין אים און זידט,
נאָר ס'הייבט זיך ניט זײַן האנט,
עס מישפעט שוין דעם אלטן קאַט
דער אופגעריכטער קאַנט!

עס שרעקט ניט מער זײַן טליע-שטריק,
עס פײַפט שוין ניט זײַן רוט,
עס שטראָמען ווידער פראנק-און-פרײַ
די וואסערן פון פרוט.

צו אים

היי, ווער הוידעט זיך אין שיפל
מיט די וועסלעס אין די הענט?
וויפל זיצסטו דאָרטן, וויפל?
טאכשיט, איך האָב דיך דערקענט!

כ'האָב געזען דיך שוין ניט איין מאָל —
האלב אין פיבער, האלב אין שרעק,
אָבער קיינמאָל ביסטו, קיינמאָל
פון מײַן מישפּעט ניט אוועק!

אינעם שיפל איז באקוועמער?
שפּיל פון כאָלעם? זײַד פון שלאָף?
דיר געפעלט דער רום פון לעמער
און די רויִקײַט פון שאָף?

זע, ווי נאָ'נט די קוילן בליצן,
הער, ווי ס'דונערט, בלינדער נאר!
ווי קענסטו אין שיפל זיצן,
ווען די שיף איז אין געפאר?

אונדזער שיף, וואָס האָט אין שלאכט אונדז
זיגן זיכערע געגרייט,
אונדזער שיף, וואָס האָט געבראכט אונדז
צו דעם האפן פון דער פרייד!

ניט קיין מעוועס — טשאטעס קראָען
קומען, פליִען פון ניט הי,
און געפארן גרויסע דראָען
אונדזער גרויסער שיף. איז ווי

קאָנסטו אין דײַן שפּיל אײנזאַם
הוידען זיך אין יענער רו,
וואָס איז קלײן ווי דײַן אלײן זײַן
און איז נעבעכדיק ווי דו.

הער, ווי אונדזער אומרו רוישט הײַנט,
ס׳קומט דער זיג נאָר אין געשלעג,
און די קישנס פון דײַן ווײלשטאַנד
ווערן שטײנער דיר אין וועג.

אויב דו האָסט דײַן כּיוון פארגעסן,
זאָל פארגעסן זײַן דײַן זײַן!
ס׳וועט דער טהאָם דײַן קערפּער פרעסן,
ס׳וועט דער שורם דײַן דענקמאָל זײַן!

זיג

דעמ זיג וועט אונדז קײנער ניט ברענגענ
אפ גילדענע טאצנ,
דער זיג וועט ניט קומענ אינ זײַדענע קלײדער
פונ מירמל-פאלאצנ,
אונ ניט ווי א שוואָמ נאָכ א רעגנ
וועט ער זיכ באַווײַזנ —
ער רײַסט זיכ דורכ ווײ אונ דורכ צאָרנ,
דורכ בלוט אונ דורכ אײַזנ.

ער גײט דורכ צערויעטע פעלדער,
ער שפאנט רויטארמײיש,
ער שווימט מיט פארבלוטיקטע טײַכנ
אונ ווײסט ניט קײנ ייִעש,
עס דונערט זײַנ קאָל אינעמ דראָט
אפ צעלעכערטע שטאנגענ,
עס דונערט זײַנ קאָל אינעמ טראָט
דורכ פארסמאליעטע זאנגענ.

דעמ זיג וועט אונדז קײנער הײַנט
אלס מאטאָנע ניט שיקנ —
ער שפרײַזט איבער וועלדער צעבראָקטע,
צעפאָכעטע בריקנ,
אָט טוט ער א הײב זיכ אונ שנײַדט
מיט זײַנ גוורע דעמ נעפל,
אָט טוט ער א פאל ווי א האָגל
פונ הארבסטיקע עפל...

אָט טוט אימ א שטויס צו דעמ אָפגרונט
די שטאָלענע כײַע,
אָט הודעט שוינ ווידער זײַנ קאָל
אינ די ביקסנ געטרײַע!

אָט זעט מען אים ווידער אַפּ פליגל
פאַרבראָכענע הענגען,
דעם זיג וועט אונדז קיינער אַפּ גילדענע טאַצן
ניט ברענגען!

ער וועט נאָך געניג אַפּ די פעלדער אי פלאַמען
אי פרירן,
נאָר ניט ווי אַ וואָגלער, וואָס קלאַפּט
אין פאַרזיגלטע טירן.
ס'וועט קומען דער זיג און די ערדן די פרייע
באַטרעטן,
און ער וועט קיין בראָכע בא קיינעם,
בא קיינעם ניט בעטן!

און אויב זיין שינעל וועט צעפליקט זיין,
צעלעכערט, צעריסן,
וועט ריין זיין, וועט גאַנץ זיין און לויטער
זיין ליכטיק געוויסן.
עס וועט אים נאָך אויסקומען פליען
און קלעטערן, שפּרייזן
דורך סינע, דורך קינע, דורך פייער,
דורך בלוט און דורך אייזן...

איז זאָל אינעם ראַנגל דעם גרויסן,
דעם אייביק־געמערכטן,
די קראַפט פונעם לייב מיט דער מי פון די מילבן
זיך פלעכטן.
דער זיג וועט ניט קומען אין זיידענע קליידער
פון מירמל־פּאַלאַצן,
דעם זיג וועט אונדז קיינער ניט ברענגען
אַפּ גילדענע טאַצן!

א באַלאַדע וועגן דויוו־בער דעם שמיד

געקומען איז צום אַלטן שמיד
א רײַטער פון דער ווײַט,
פון שטויבן — גרוי, פון יאָגן — מיד,
א שאַשקע בא דער זײַט.

— שטאָל אָן די פיס, דאָס פלינקע פערד
זאָל פליִען ווי אמאָל. —
דער אַלטער שמיד האָט גלײַך דערהערט
דאָס אַלט-באַקאַנטע קאָל.

ער טוט זײַן אויג א וואָרף אַף אים:
— אָהאָ! — ער קען אים גוט!
ער האָט דערקענט די גוטע שטים
פון שאָכן קאַלעמוט.

ס'האָט ער אַמאָל אהער געבראַכט
די ווײַסע קײַן לוהין.
אַנטלאָפן איז ער אין א נאַכט,
מ'האָט ניט געוווּסט וווּהין.

— דו האָסט, דויוו־בער, א גרינגע האַנט! —
האָט ער געזאָגט צום שמיד,
— דיך קען, דויוו-בער, דער גאַנצער קאַנט,
איז העלף דײַן שאָכן, ייִד!

— מײַן האַמער טויג שוין אַפן ווינט,
ער וויל ניט קלאַפן מער,
דײַן פערד איז זייער קראַנק, מײַן קינד,
און העלפן איז אים שווער.

— כ'וועל געבן גאָלד דיר אָן א שיר,
דער סוינע לויפט מיר נאָך,
דריי רייטערס יאָגן זיך נאָך מיר,
איך זע זיי שוין! א בראָך!..

— מיין בלאָזזאק טויג שוין אפן ווינט,
ער וויל ניט בלאָזן מער,
איך קאָן ניט ארבעטן געשווינד', —
האָט שטיל געזאָגט דוויוו-בער.

— שטאָל אָן די פיס, דאָס פלינקע פערד
זאָל פליען ווי א בליץ,
אויב ניט, איז דיר דער טויט באשערט —
געדענקסט דאָך מיינע שמיץ.

— איך קאָן ניט העלפן דיר אצינד! —
טוט שטיל א קרעכץ דוויוו-בער, —
מיין אייזן טויג שוין אפן ווינט —
כ'קאָן עס ניט שמידן מער!

— איך מאך פון דיר א קופע אש,
איך האָב פאר דיר א שטריק,
עס ווארט א קויל אף דיר אין טאש,
דו אלטער באָלשעוויק!

— איך שפיי אף דיר און אפן טויט, —
שרייט אויס דער אלטער שמיד.
און פון פיסטויל א שווערער שרויט
אין קאָפ אין גרייזן פליט.

ער פאלט, דער אלטער, אף דער באנק,
און ס'טוט א יאָג דאָס בלוט.
דריי רייטער זוכן שוין פון לאנג
דעם קוילער קאלעמוט.

מ׳האָט אים געזוכט אין יאַר, באַם טײַך,
דער װאַלד האָט אים באַשיצט.
זײַן שאָס האָט זיי געמאָלדן גלײַך
דאָס אָרט, װוּ ער איז איצט!

דרײַ רײַטערס פליִען מיטן סטעפּ,
צו יענעם אָרט געװענדט.
דרײַ שװערע קאַסקעס אױף די קעפּ,
דרײַ שפּיזן אין די הענט.

פון שמיד דאָס אומשולדיקע בלוט
האָט זיי געבראַכט אַהער.
— ס׳איז קאַלעמוטנע, קאַלעמוט,
דערלאַנג נאָר דײַן געװער!...

די הענט פאַרבונדן אױף צוריק,
ס׳איז קאַלעמוט ניט גוט!
פאַרקרעמפּעװעט מיט גוטע שטריק,
ער ליגט שוין, קאַלעמוט.

מע מונטערט אָפּ דעם אַלטן שמיד,
ער טוט דעם קאָפּ אַ הייב,
און רײַטער דרײַ, מיט זון באַשיט,
ער זעט װי דורך אַ שטויב.

און נאָך דערזעט ער: װי די פערד
צעקלאַפּט זײַנען פון װעג,
און הײַנט באַנאַכט איז זיי באַשערט
נאָך גיין אין אַ געשלעג.

ער נעמט דעם האַמער אין די הענט,
די װוּנד די טיפע גליט.
דאָס פײַער האָט זיך גיך צעברענט,
די פערד זײַנען געשמידט.

און גיך האָט זיך צעשטויבט דער וועג,
עס טופּען פערד פֿארשײַט.
די רײַטער זײַנען גיך אַוועק,
ווײַל טײַער איז די צײַט!

און ס׳שמידט דער שמיד אַלײן זײַן פֿרייד,
אין קוזניע הילכט זײַן ליד,
עס קאָנען איצטער קינד-און-קייט
דויוו-בער דעם אלטן שמיד.

די מיל פון מילכאָמע

די מיל פון מילכאָמע — זי זעגט מיט די פליגל,
די מילשטיינער מאָלן די קערנער פון טויט,
א זאָקן א גרויער, א קינד פון א וויגל —
זיי פאלן, דער ערד דער פארוויסטער פארטרויט.

און ס׳בייגן זיך, ברעכן זיך, פלאקערן זאנגען,
די ערד איז אין גריבער, ווי זי וואָלט געפּאָקט,
צעריסענע דראָטן אף שיקערע שטאנגען
דערציילן דער וועלט, אז ס׳האָט לאנג ניט געטאָגט...

עס ליגן ווי אלטע סקעלעטן די טאָלן,
עס ליגן די בערג ווי פארשניטענע קעפּ,
די מילשטיינער מאָלן, און מאָלן, און מאָלן,
און נעכטיקע שטעטלעך און שטעט ווערן סטעפּ.

עס פליִען די צוגן מיט בריקן צוזאמען,
און ס׳טאנצן די כוואליעס אף דעכער בא זיי,
צעשאָסענע שיפן פארזינקען אין יאמען,
און מעוועס אנטלויפן פון ברעג מיט געשריי...

ביז ווען וועט דער אומזין דאָ פלאמען און קנאלן,
ביז ווען וועלן בלאָנקען, צו פלאמען געווענדט,
פארלאָזטע יעסוימים אף קאלטע וואָקזאלן,
אלמאָנעס מיט בלייכע פארבראָכענע הענט?

די מיל פון מילכאָמע — זי ווייסט ניט פון גאָרניט,
זי מאָלט די קאָרבאָנעס מיט שטאָלענע ציין,
זי טוט זיך איר ארבעט, זי ארט אף קיין האָר ניט
דער קרעכץ פון די זקיינים, דאָס קינדער־געוויין.

איינס ווייסט זי נאָר — מאָלן, און מאָלן, און מאָלן,
די ערד ווערט א גרויער בעסאלמישער הויפ,
איז ווער וועט פאר אונדזערע צאָרעס באצאָלן?
מיט וואָס קאָן מען דעקן דעם שרעקלעכן כויוו?

און ווער וועט עס צאָלן? איך גלייב ניט, אז קיינער.
דער שולדיקער וועט ניט אוועק פונעם דין,
נאָר וועט דען גענוג זיין דער קריץ פון די ציינער
פון בלוטיקן מילנער, פון ברוינעם בערלין?

א באַלאַדע וועגן א פּאַרטיזאַן

אפּ אוסטימעווער בעסוילעם
ליגט באַהאַלטן בערל קאַן,
בערל קאַן,
בערל קאַן,
דער באַרימטער פּאַרטיזאַן.

ווײַנען ווינטן, רוישן מילן,
גראָזן וויגן זיך — א יאַם,
און אפּ בערל קאַנס דעם שטילן
שטייט א שווערע מירמל-צאַם,
אוי, א צאַם,
אוי, א צאַם,
אוי, א טרויעריקע ראַם.

ווען דער פֿײַנט איז אָנגעקומען —
מע געדענקט נאָך יענעם טאָג —
ס'איז געווען א גרויסע קלאָג,
און א שוידער און אַן אומעט
האָט געווייט אין יענעם טאָג.
אוי, א טאָג,
אוי, א טאָג!
שטיבלעך טוליען זיך צום דאַך,
ווי די שעפּעלעך די הוילע
בייגן שטיבעלעך די קעפּ,
און דער פֿײַנט, דער בלאָנדער קוילער,
פליט א שיקערער פון סטעפּ...

האָבן דונערס זיך צעקלונגען
איבער פאַלנדיקע ווענט,
האָבן שטעטלדיקע יונגען
אין געשלעגן זיך צעברענט,

און פון פאָרנט איז געגאַנגען
בערל קאַן,
בערל קאַן,
דער באַרימטער פּאַרטיזאַן.

מ׳האָט געשאָסן פון די שטאַלן,
פונעם קלויסטער, פון דער קלייט.
ווען דער פײַנט איז אומגעפאַלן,
איז געווען א גרויסע פרייד,
ס׳האָבן הענער
אפן פלויט
היך באַקרייט דעם סוינעס טויט

און ווען בערל איז געפאַלן
אין די געסלעך, ווי א שטיין,
האָט פון אונטער פרויען-שאַלן
זיך צעגאָסן א געוויין:
— בערל קאַן,
— בערל קאַן,
אונדזער זון, דער פּאַרטיזאַן!

אפ אוסטימעווער בעסוילעם
ליגט באַהאַלטן בערל קאַן,
בערל קאַן,
בערל קאַן,
דער באַרימטער פּאַרטיזאַן.

אפ די קיִעווער שײַטערס

ס'איז די וועלט אינ נעפּל, ס'איז די וועלט אינ ווײַכער,
ס'קומענ וויסטע גרוסנ, שלינג איכ זיי ווי סאַם:
אפּ די קיִעווער שײַטערס ברענענ מײַנע ביכער,
אונ די ברוינע דײַטשנ טאַנצנ ארומ פלאַמ...

אָנ די לידער מײַנע בינ איכ הויל אונ אָרעמ,
אינ די לידער מײַנע ברענט מײַנ הארצ אונ גליט,
נאָר איכ קאָנ ניט העלפנ מײַנע בידנע ספאָרימ —
ליגנ זיי אפּ פלעצער שטומ ווי מײַנ געמיט...

קומענ ברוינע רוכעס אינ די ברוינע העמדער,
צינדט מענ נײַע שײַטערס, שמעקט פונ זיי מיט נאַכט...
אונ מײַנ שטילער שאָטנ בלאָנקעט ווי א פרעמדער
ארומ יענע שײַטערס, ניט פאַר מיר געדאַכט...

הוידעט זיכ מײַנ שאָטנ אפּנ פלאַמ דעמ שווערנ,
אונ די ביכער ברענענ, פלאַמענ נאָכאַנאַנד,
פונ די אויסיִעס ווערנ קײַלעכדיקע שטערנ,
אונ די שטערנ פליִענ צו דעמ הימל-ראַנד...

שרעקנ זיכ די דײַטשנ, ציטערנ ווי שטשורעס,
אונ די אויגנ מעסטנ שיקער דעמ עפּיר:
אויסיִעס ווערנ שטערנ, שטערנ ווערנ שורעס,
אונ דער גרויסער הימל שפּרייט זיכ ווי פּאַפּיר...

אונ אהינצו קאָנ שוינ קיינער ניט דערגרייכנ,
ס'ברענענ מײַנע ביכער אפּ דער גרויער ערד,
נאָר אָט דאָרטנ ערגעצ, אינ די טויבע הייכנ,
ווערט פונ יעדער שורע א געשלייפטע שווערד...

און די שווערדנ פאלנ אפֿ די קעפּ פֿונ צינדער
ווי א שווערע קלאָלע, ווי א גרוס פונ טויט,
ווי די מוטער ראָכל וויינט אפֿ אירע קינדער,
וויינט מײַנ װײַטער שאָטנ, נאקעט אונ פארגרויט...

וויינט מײַנ װײַטער שאָטנ אפֿ זײַנ וויסטנ גוירל,
אונ דורכ רויכ אונ נעפּל זעט ער ניט, דער טאמ,
ווי אפֿ אלע שפּײַטערס ווערט אפּסנײַ געגווירנ
יענע ליד, וואָס סארפעט, שטארקער פֿונ דעמ פלאמ!

1942

וואָס מיינט ער, דער בערלינער לעצ?

וואָס מיינט ער, דער בערלינער לעצ,
דער יוישער איז שוין אויסגעגאנגען?
און אין זיין ברוינער ברודנער נעצ
קאָן ער די וועלט די גאנצע פאנגען?
ער האלט די אייביקייט אין טאש?

בא טויט און פעסט איז ער א קעסטקינד,
ער לאכט, ווען ברוינע שיידים פליעסקען
אף בערג מיט מייסים און מיט אש...
ס'איז זייער וויט נאָך צום געלעכטער!

אויב טויט און רויב איז זיין געווער,
אויב כורווע-שטויב איז זיין באגער,
אויב זיינע וועכטער זיינען שעכטער,
אויב מענטשן-בלוט פארבייט אים וויין,
אויב אָפגרונט-כוישעך איז זיין שיין,
איז זייער וויט נאָך צום געלעכטער!

וואָס וויל ער, דער בערלינער קאט,
די ערד זאָל א בעסוילעם ווערן?
פון אלע פייגל אונטער שטערן
זאָל בלויז דער ראָב אין ברוינעם טשאד
זיך טראָגן איבער טייכן טרערן?

ניט צוליב דעם האָב איך געבויט
מיין היים, מיין מאזל און מיין כיעס,
ס'זאָל הערשן אין מיין היים דער טויט,
אף פלעצער זאָלן וואקסן טליעס,
מיין שענסטער טרוים זאָל זיין געקעפט...
ניט צוליב דעם האָב איך געלעבט!

וואָס וויל ער וואָס, דער ברוינער הונט?
ער וויל מײַן פֿאָלק פֿון דר׳ערד פֿאַרווישן,
מײַן פֿאָלק איז אַלט, נאָר ס׳איז געזונט
און גייט אין שלאַכט מיט בלוט מיט פֿרישן!

ווי שיר־האשירימדיק, ווי ריין
גייט דורך זײַן ליבע דורך די יאָרן,
ווי יונג זײַנען נאָך זײַנע ציין
און ווי נעווייִש איז זײַן צאָרן!

ווי הויך און זוניק איז זײַן שווונג,
ווי טיף דער ברויז פֿון קויכעס פֿרײַע.
וואָס מיינט ער וואָס, דער קוילער־יונג,
אַז ס׳קומט די צײַט, ווען ס׳זיגט די כײַע?

אַ מענטש בין איך, זײַן סאָף, זײַן פּסאַק,
זײַן אורטייל טראָג איך אַף די ליפּן,
איז ער דער קאַט, בין איך די האַק,
די שטריק, וואָס וועט זײַן האַלדז פֿאַרקניפּן!

מײַן וועג צום גליק איז ניט פֿון גלאָז,
וואָס יעדער גרויל־יונג קאָן אים שאַטן,
אויב ער איז גרויל,
בין איך די קויל,
בין איך דאָס מויל פֿון די האַרמאַטן!

א באַלאַדע וועגן אומשטערבלעכן

ווען מ׳איז געקומען פון דײַטשישן שטאַב,
האָט זיך דערשראָקן דער אַלטער אָסטאַפּ,
ער האָט זיך ווײַט פון דעם טײַוול געהאַלטן,
נאָר ס׳האָט דער טײַוול געפונען דעם אַלטן.

— קום! — האָט דער טײַוול צום זאָקן געזאָגט,
ס׳האָט פונעם טײַוול מיט עקל געיאָגט.
— קום! — האָט ער ווידער דעם זאָקן געהייסן.
שטיל איז באַנאַכט אַפן אויוון דעם הייסן.

נאַקעט און באָרוועס איז נעבעך אָסטאַפּ,
ווי קאָן ער לאָזן זיך איצטער אין שטאַב,
ס׳בריִען די פרעסט, און עס טשאַדעט דער ווינטער,
ס׳וואַרט אַף די שליאַכן דער טויט אַף אים זיכער.

וואָליקעס האָט ער גאַנצפרי ערשט געהאַט,
וואַרעמען זיי שוין א דײַטש א סאָלדאַט,
און זײַן קאָזשוכל מיט פוטער מיט קאַלטן
הענגט שוין אין שטאַב אַף א צוויאָק אַף אַן אַלטן...

איצט האָט דער שטאַב נאָכן זאָקן געשיקט.
ס׳האָט זיך די נאַכט ווי א שיקער געוויגט,
ס׳האָבן זיך הימלען צום אָפּגרונט געבויגן
און אַף די הימלען פאַרסמאַליעטע כמאַרעס

— קום! — האָט דער טײַוול געזאָגט שוין צולעצט,
ס׳האָט פון זײַן צורע מיט בראָנפן געזעצט,
און פון זײַן ביקס האָט מיט אומקום געטראָגן.
— גוט! — זאָגט דער זאָקן. וואָס נאָך קאָן ער זאָגן?

ווּ האָט ער וואָליקעס, ווּ האָט ער שיך,
כאַפּט ער די פּאָסטעלעס זײַנע אַפּגיך,
שטעלט זיך אַרײַן אין געלאַטעטן רעקל,
נעמט אין די הענט דאָס צעבויגענע שטעקל...

שטאַרק האָט דער פראָסט אים די בײנער געקילט,
נאָר ס'האָט דער זאָקן דעם פראָסט ניט געפילט,
ס'האָט אים אַ סרײפּע געזעצט אין די שלײפן,
זקײנישע אויגן — אין פלאַמיקע רײפן.

ווען מ'איז געקומען אין דײַטשישן שטאַב,
האָט אים דער טײַוול געמאָלדן: — אָסטאַפּ,
אַלץ איז באַוווּסט, און איך ווײס, אַז דײַן זינדל
ווױנט אינעם וואַלד און פאַרנעמט זיך מיט שווינדל...

דו ביסט אַ פאָטער, עס אַרט דיך, איך ווײס,
כ'זע, ווי דײַן שטערן באַגיסט זיך מיט שווײס.
זאָג, עפּשער איז דאָס אַ בילבל, אַ ליגן? —
ס'האָט אים דער זאָקן געהערט און געשוויגן.

— שווײַגסט? — האָט דער טײַוול געטופּעט מיט כּעס...
— שווײַגסט? כ'וועל דיך הענגען אינמיטן דער גאַס!
שווײַגסט? — האָט דער דײַטשישער טײַוול געכריפּעט,
און בײַ אָסטאַפּן געציטערט אַ ליפּ האָט.

— פאָלגסטו — איז גוט! — שרײַט דער טײַוול מיט שוים.
— פאָלגסטו ניט — הענגסטו נאָך הײַנט אַף אַ בוים.
קלײַב אויס אַלײן און באַשליס, וואָס געפעלט דיר,
הער, וואָס דער פירער דער גרויסער באַפעלט דיר!..

— שרײַ ניט אַזוי! — האָט געמורמלט אָסטאַפּ
און מיט די אויגן געגעבן אַ טאַפּ
דעם, וואָס האָט אָקאָרשט דעם גאָרגל גערײַסן,
שטרענג האָט אָסטאַפּ זײַנע ליפּן פאַרביסן.

— שרײַ ניט אזוי, זאָג מיר קלאָר און דערקלער,
וואָס האָט דײַן שיק־יונג געבראכט מיך אהער,
עפשער וועסטו גאָר מיט גוטנ דערגרייכנ?
— גוט! — האָט שוינ רויִק דער טײַוול געשמייכלט.

— הער מיך און שרעק זיך ניט פאר מײַנע רייד,
כ׳זע, אז ביסט דינענ דעם פיורער שוינ גרייט,
דײַטשלאנד וועט קיינמאָל דײַנ דינסט ניט פארגעסנ,
איך וועל דיר שענקענ אינ מאָסקווע א געסל!..

דארפסט בלויז א קלייניקײַט טאָנ פארנ שטאב!
— גוט! — האָט געמורמלט דער אלטער אָסטאפ.
— גוט? — האָט דער טײַוול געפרעגט אינ דער פינצטער,—
וועסטו באווײַזנ אונדז, ווו ער געפינט זיך?

— ווער? — האָט דער זאָקנ געפרעגט ווי אינ טשאד.
— ער! — זאָגט דער טײַוול, — קאָליאניקס אָטריאד,
נאָר איך פארשטיי דיך, דעם אלטיטשקנ טאטנ...
איינס קאָנ איך זאָגנ: דײַנ זונ וועט ניט שאטנ...

נו? — האָט דער טײַוול שוינ שטרענגער געזאָגט.—
יאָ אָדער ניינ? רעד שוינ גיכער, עס טאָגט. —
ס׳האָבנ אינ פענצטער געפײַערט די שנייענ,
ס׳האָבנ די אויגנ געפלאקערט בא צווייענ...

לאנג און פארזאָרגט איז די פראָסטיקע נאכט.
לאנג האָט דער אלטער אָסטאפ ניט געטראכט,
גיך האָט ער אלצ אינ דעם קאָפ אָפּגעוויגנ!..
— נו? — האָט דער טײַוול געפרעגט מיט די אויגנ...

— יאָ! — האָט דער זאָקנ געזאָגט שטילערהייט.
— יאָ? — האָט דער טײַוול זיך ברויגעז געפרייט.
— יאָ! — האָבנ ווינטנ געפײַפט אפ די וועגנ.
— יאָ — איז דער אָפּהילכ געגאנ זיי אנטקעגנ...

ווײנט אפ די װעגן די װיוגע און ווײט,
שווינדלען די קאסקעט מיט שאלן פארדרײט,
זעכציק סאָלדאטן צעטרעטן דעם ווינטער,
ס'שפרײט זיך די וועלט — א פארשאָטענער צווינטער...

זעכציק סאָלדאטן און אײנ אָפיצער
שפאנען און טראָגן אין האנט דאָס געווער.
— נו? — פרעגט דער טײַוול דעם זאָקן דערשראָקן.
— באלד! — רופט זיך אָן דער פארפרווירענער זאָקן.

ס'איז שוין א שאָ און א צווייטע אוועק,
פול איז דער וואלד מיט רעציכע און שרעק,
— נו? — פרעגט דער טײַוול דעם גרײַז און דעם וויכער.
— באלד! — זאָגט דער זאָקן שוין רויק און זיכער.

טופען די דײַטשן, קאדויטשען דעם וואלד,
גישטערן, נישטערן: וווּ איז דער „באלד"?
וווּ איז קאליאניקס אָטריאד דער פארפלוכטער,
און אָט דער זאָקן — ער דרעמלט, צי זוכט ער?

— הער נאָר, דו אלטע, פארשאָלטענע שלאנג,
עפעס דער וועג דײַנער ציט זיך צו לאנג,
כ'האָב פאר דיר גרייט אי א שטריק אי א מעסער,
כאפ זיך באם סײכל, און גיכער — איז בעסער...

און אָט דער זאָקן — ער בלאָנדזשעט שוין גוט,
און אָט דער זאָקן — ער ווייסט, וואָס ער טוט!
גייענדיש, דרײיענדיש האָט שוין געקלעקט זיי,
ביז ס'האָט קאליאניק פונוויַטן דערשמעקט זיי...

וווּ איז קאליאניק און וווּ איז דער „באלד"?
פול מיט נעקאָמע און האס איז דער וואלד,
טוסטו א לויף נאָר און טוסטו א שפאנ נאָר,
שנײַדן דיר איבער דעם וועג פארטיזאנער.

זעכציק סאָלדאטן געזעגן האָט דער וואלד,
זעכציק נעווײלעס זיך וואלגערן קאלט,
אײנער בלויז האָט זיך אין צווײַגן באהאלטן,
זוכט מיטן אײגל פון שפּײַער דעם אלטן...

דאָ איז געקומען דער זון צו דער צײַט!..
ווו איז דער זאָקן? מע זאָגט, אז ניט ווײַט,
מ'האָט אים אפ מײַרעוו געזעגן און אפ דאָרעם
פירן די דײַטשן צו זײערע קוואָרים.

וויגליד

שלאָף ניט, קינד מײַנס, שלאָף ניט, טײַערס,
איצט איז ניט די צײַט,
הער, ווי ס׳בושעוועט דאָס פײַער,
ס׳קלאפּט אין דאך און שרײַט.

כ׳וועל ניט זינגען דיר קיין לידל,
שא, נעשאָמע, שטיל,
ס׳שפּילט דער שטורעם אף זײַן פידל
זײַן מילכאָמע-שפּיל.

שלאָף ניט, קינד מײַנס, הער, ווי ס׳בילן
דונערס אומעטום,
אין דײַן אלקערל דעם שטילן
וויינען שאָטנס שטום...

אין דײַן פענצטערל דעם ריינעם
קוקן שטערן בלינד,
אין דײַן וויגעלע דעם שיינעם
שלאָפט די נאכט אצינד.

שלאָף ניט, קינד מײַנס, זע, ווי ס׳פלאטערט
אונדזער נעכטיק גליק,
דורכן פענצטער ווי א שטערן
לויכט דעם טאטנס בליק...

אף פארשנייטע פעלדער ליגט ער,
אינעם גרויען קאנט,
און די פײַנט זײַן פײַער שיקט ער
מיט זײַן שטארקער האנט.

און זײַן קאָל די קריגער הערן
אין פארשנייטן פעלד,
ווען דו וועכסט א גרויסער ווערן,
זײַ, ווי ער, א העלד!

מײַן געװיסן

דער העכסטער געריכט פֿון מײַן זײַן —
מײַן געװיסן,
ער איז אין מײַן הארצן אַרײַן,
אַפֿ שטענדיק, אַפֿ אײביק דאָרט זײַן,
אַפֿ זײַן דאָרט דער שלאָס און דער שליסל,
דער העכסטער געריכט פֿון מײַן זײַן —
מײַן געװיסן!

אים װעט ניט פֿאַרנעפּלען דער װײַן,
קײן פֿאַלשקײַט װעט אים ניט פֿאַרגיסן,
ער װיל פֿון קײן אומרעכט ניט װיסן,
דער העכסטער געריכט פֿון מײַן זײַן —
מײַן געװיסן!

ער צײכנט די װעגן פֿאַר מיר,
מײַן געװיסן,
ער שטעמפּלט מיט ליכט יעדן ריר,
ער הײסט מיר די טיר ניט פֿאַרשליסן,
װען ס'רוקט זיך אַ סוינע צו מיר,
ער הײסט אַפֿן פּאָסטן מיר זײַן
און הײסט מיר דעם סוינע צעשיסן,
ער װאַשט מײַנע װעגן מיט שײַן,
דער העכסטער געריכט פֿון מײַן זײַן —
מײַן געװיסן.

א באַלאַדע װעגן אױסשפּירער

זײ האָבן אינדרױסן געקערט זיך,
מיט װאַלדישע װעגן געיאָגט.
— כ'בין דאָרשטיק! — האָט אײנער געמאָלדן.
— כ'בין מיד! — האָט א צװײטער געזאָגט...

דער דריטער האָט ביטער געשװיגן.
דער װאַלד איבער אים האָט געשװימט.
דער דריטער פון זײ האָט געשװיגן —
ער האָט פון זײַן מײדל געטרױמט.

דער װאַלד איז א הױכער, א טיפער,
די װעגן — מיט נאָדלען פאַרשיט,
ס'איז גוט, װאָס דער װינט האָט געטומלט,
פאַרטומלט דעם שאָרך פון די טריט!

ס'טאָר קײנער די טריט ניט דערהערן,
דערהערט מען די טריט, איז קאַפּוט!
עס שמעקט פון די בײמער די הױכע
מיט פרישן, מיט מענטשלעכן בלוט...

— מיר מוזן זיך אומקערן גיכער, —
האָט אײנער געזאָגט, — װײַל עס טאָגט.
מיר מוזן זיך אומקערן גיכער!
— געװיס! — האָט דער צװײטער געזאָגט...

דער דריטער איז אײַליק געלאָפן,
מיט נאַכטישע רױשן באַזױמט,
דער דריטער פון זײ האָט געשװיגן
און נאָר פון זײַן מײדל געטרױמט.

דער וועג צווישנ בערגלעכ אונ ביימער
האָט אלע פארמאטערט ביז גאָר.
געווענ איז דער אויסשפיר א שווערער,
דער טאָג איז געווענ ווי א יאָר.

— מיר וועלנ די סוידעס דערטראָגנ! —
האָט אײנער געשעפּטשעט, — געוויס!
— געוויס! — האָט געענטפערט דער צווייטער
אונ קוימ שוינ געשלעפּט זײַנע פיס...

א קויל האָט געשישטערט, געזוכט זיי
אונ אײנעמ געפונענ אינ וואלד...
דער אײנער געווענ איז דער דריטער,
א וואקל, א ציטער אונ פאלט.

די ווונד האָט געבריט, נאָר דער דריטער
האָט שטיל זײַנע ליפּנ פארפּרעסט,
די אויגנ מיט ווייטעק פארשלאָסנ,
די פויסטנ פארקרעמפּעוועט פעסט...

דאָס בלוט אינעמ לײַב האָט געפרוירנ,
עס שטייענ כאווײרימ לעמ אימ.
ער טוט זיכ א הייב פונ די גראָזנ
אונ זאָגט מיט א ציטער אינ שטימ:

— איר מוזט זיכ אינ פּאָלק ארײַנ אײַלנ,
נאָר גיכער, נאָר גיכער, עס טאָגט! —
דער ערשטער פונ זיי האָט געשוויגנ,
דער צווייטער האָט גאָרניט געזאָגט.

זיי האָבנ די טרערנ געשלונגענ,
געקושט אונ געאָרעמט אימ צארט...
זיי זײַנענ אוועק מיט די וועלדער,
אפּ זיי האָט דער פּאָלק שוינ געווארט.

אליינ איז דער דריטער געלעגנ,
צעריסנ, צעביסנ זײַנ הויט,
ער האָט אונטער נאכטיקע ביימער
געווארט אפנ זיכערנ טויט...

איז גוט, וואָס א רעגנ האָט פּלוצלינג
געגעבנ א כליופּע מיט ראש,
איז גוט, וואָס א רעגנ האָט פּלוצלינג
די ווונדנ געגעבנ א וואש...

ס'איז פרישער געוואָרנ דער קערפּער,
ס'איז לײַכטער געוואָרנ די ווונד,
א וואלדישער הויכער באגינענ
האָט שפּיצנ פונ ביימער באזונט...

נאָר טריט עפּעס מאָדנע אונ שווערע
דערגייענ צו אימ פונ ניט ווײַט,
אונ מענטשנ מיט וועלפּישע אויגנ —
אָט שטייענ זיי שוינ בא דער זײַט.

— ס'איז ער? — האָט געפרעגט א רומענער.
— ס'איז ער! — האָט געענטפערט א שפּיק.
אונ ס'האָבנ צוויי קלאָווימ קודלאטע
פארוואָרפנ אפ צווײַגנ א שטריק.

— נו-נו? — האָט געפרעגט דער רומענער.
— וואָס נו? — האָט דער דריטער געפרעגט,
דער טאָג האָט מיט זוניקע פלעקנ
זײַנ אשיקנ פּאָנעמ באפלעקט...

פונ מענטשנ מיט וועלפּישע אויגנ
האָט ווידער מיט שוידער געיאָגט...
א שאָ איז אוועק, עפּשער מער,
דער דריטער האָט גאָרניט געזאָגט...

— א שטערן שנײַדט אויס אַף זײַן פּלײצע,
א צװײטן שנײַדט אויס אַף זײַן ברוסט,
דער טויט פונעם טײַװל דעם רויטן
זאָל װערן אינ דערפער באַװוּסט!

אזוי זאָל ער הענגען, דער רויטער,
זיך װיגן אראָפּ מיטן קאָפּ!—
געקומען איז גלײַך צו דער טליִע
פונ ציכטיקע הײכן א ראָב.

— אװעק! — האָט דער דריטער געשריִען.
דער ראָב הײבט די פליגל מיט שרעק.
ער טוט זיך א הײב אינדערלופטן
און פליט פונ דער טליִע אװעק.

און בײדע באַװײרים זיך טראָגן
און קומען אינ פאָלק מיט א גװאַלד.
— ער שטאַרבט!..— רופט אויס ביטער דער ערשטער.
דער אנדערער שרײַט: — אינעם װאַלד!

מע שפּאַנט זיבן פערד, װי די אָדלערס,
מע טוט זיך צום דריטן א לאָז,
און ס'ליגט זיך בא פרײַקע װעגן
דאָס פרישע, דערשראָקענע גראָז...

— אָט דאָרט איז דאָס אָרט! — זאָגט דער ערשטער.
— אהינ! — זאָגט דער צװײטער מיט היץ.
און ס'טוען א פלאַטער די פערדלעך
און פליִען — א בליצ נאָך א בליצ!

— װער הענגט אפנ בוים? — פרעגט דער ערשטער.
— ס'איז ער! — זאָגט דער צװײטער מיט האַס.
און ס'װערנ די אויגנ װי פײַער,
און ס'װערנ די פּנעמער בלאַס.

זיי האָבנ מיט מעסערס מיט שאַרפע
צעשניטנ די פינצטערע שטריק.
— וואָס שווייַגסטו?! — געפרעגט האָט דער ערשטער, —
שטיי אופ, לאָמיר פאָרנ צוריק!

נאָר שטיל איז געלעגנ דער דריטער,
דער ווינט האָט א סאָד אים גערוימט.
נאָר שטיל איז געלעגנ דער דריטער
אונ האָט שוינ פונ גאָרנישט געטרוימט...

— א סאָפ! — האָט דער ערשטער צעוויינט זיכ.
— א סאָפ! — האָט דער צווייטער געטרערט.
דער דריטער האָט גאָרנישט געענטפערט
אונ האָט זיכ געפרעסט צו דער ערד.

פארנייגט האָבנ ביימער די קרוינענ,
דער טוי האָט זייַנ פאָנעם געפרישט,
די זונ האָט געלעקט פונ די גראָזנ
דאָס בלוט, מיט די טויענ געמישט...

א קייווער האָט מענ אים געגראָבנ,
מ'האָט שטיל אים צו קוורע געבראכט.
זייַנ טויט האָט די פרייַנט, ווי זייַנ לעבנ,
גערופנ ווי שטענדיק אינ שלאכט!

העלדן

אויב א מענטש קאָן האָבן פליגל,
האָט זיי אונדז די צײַט פארטרויט.
העלדן פאלן דען אין קריגן?
ווייסן העלדן דען פון טויט?

גייט ארויס אפ אלע גאנקעס,
גיט א קוק, ווי אין דער נאכט
פליט דורכן סטעפעס א טאטשאנקע —
ס'איז טשאפּײַעוו פליט אין שלאכט!

גיט א קוק, ווי מאכנעס פליסן —
העלדן, העלדן אָן א ברעג,
ווער עס האָט א ריין געוויסן —
ווארפט זײַן לעבן אין געשלעג!

מיט אוקרײַנער פעלדער פרײַע,
דורכן בארג און דורכן טאָל,
פירט דען שטשאָרס ניט אונדזער כאַיל
אין אטאקע ווי אמאָל?

זעט, ווי ס'פליִען זײַנע רײַטערס
און עס בענקען שוין נאָך זיי
דערפער כורוועס, שטעט ווי שײַטערס,
שטעטלעך היימלאָזע אין שניי.

ס'שוידערט, ציטערט אין די הענט דען
בא די שלאכט-מענער די שווערד?
האָט פאר אונדז ניט דורכגעבלענדט דען
אָשער שווארצמאנ אפ זײַן פערד?

נעמענ נאָ׳נטע, נעמענ — פאַנענ
פליִענ דענ ניט אינ געשלעג,
ווי א פלאמ דעמ פײַנט אינ פּאָנעמ,
ווי א שטורעמ אפ זײַנ וועג?

העלדנ שטארבנ ניט! ס׳א ליגנ!
ס׳איז דער מאָרגנ זיי פארטרויט,
העלדנ פאלנ אינ די קריגנ,
נאָר זיי ווייסנ ניט פונ טויט!

11—1924

א באַלאַדע וועגן אַ פּאַרפאַלק

ווען מאַלקע גענקין האָט דערהערט
אין זונטיק־טאָג אין שײַנעם
דעם ערשטן אופֿרײַס אױף איר ערד,
דעם ערשטן קרעכץ פֿון זקיינים,
האָט זי פֿאַרלאָזט איר ליבן מאַן
און איז אין שטאַב אַוועקגעגאַן...

און ווען איר מאַן, כ'מיין גענקין בער,
דערהערט האָט יענעם דונער,
האָט ער גענומען זײַן געווער,
דאָס אַלטע, דאָס באַגונער,
ער האָט זײַן ווײַסן פֿערד געשפּאַנט
און האָט פֿאַרלאָזט זײַן ליבן קאַנט...

און ביידע זײַנען זיי אַוועק
דורך ביימער און דורך זאַנגען,
די גרויע טעג ווי שטיקער שרעק
אין לופֿט זײַנען געהאַנגען.
אין פֿלאַם, אין בלײַ, אין טופּ פֿון פֿערד
געהודעט האָט די גאַנצע ערד...

געגאַנגען זײַנען די פֿײַער־טעג,
מיט וועגן גלײַכע, קרומע,
געאָטעמט האָט פֿון יעדן וועג
מיט אומקום און מיט אומעט,
און מאַלקע גענקין ווייסט שוין גוט
דעם טאַם פֿון בלײַ, די פֿרײַז פֿון בלוט...

זי טראָגט זיך אום איבערן פעלד
אין וויכער אין פארשפּײַטן
און טוט א פאל אין שלאַכט א העלד,
באמערקט זי אים פונווײַטן,
און ס׳שווינדט און ס׳ברענט איר רויטער קרייץ
אין גרינעם גראָז, אין געלן ווייץ...

ווי פלינק עס שלענגלט זיך דער בינט
אין אירע צארטע פינגער,
די וווּנד נאָך גליט, דאָס בלוט נאָך רינט,
נאָר ס׳ווערט דער ווייטעק גרינגער.
אין פײַפ פון בלײַ, אין קלאַנג פון שטאָל,
האָט מען באוווּנדערט ניט איין מאָל,

ווי קען זי גאָר א העלד, א גוואר
מיט אירע הענטלעך טראָגן?
די שווערע בערן פון געפאר
פון אלע וועגן יאָגן,
נאָר מאלקע גענקין גייט איר גאנג.
דער וועג איז שווער, דער וועג איז לאנג...

איר מאן האָט מאלקע ניט געזען
פון זונטיק־טאָג פון יענעם.
מ׳האָט איר געזאָגט: אין שטעטל ען
האָט מען ניט לאנג געזען אים,
נאָך איידער דאָרטן האָט געטאָגט,
האָט ער אין פעלד אוועקגעיאָגט...

ער האָט אין שלאכטן ניט גערוט,
ס׳האָט גוט געפלעט זײַן פײַער,
פאר יעדן טראָפּן אונדזער בלוט
באצאָלן דײַטשן טײַער:

פאר יעדער קלאפ — א מייע קלעפ,
פאר יעדער קאפ — א מייע קעפ!

ער האלט דעם כעזשבן, געדענקט בער,
דער רייטער דער באַגונער,
די ווינטן שלייפן זיין געווער,
וואָס פינקלט ווי די זון נאָר,
וואָס קאָסעט לינקס און קאָסעט רעכטס —
עס פאלן סאָנים אָן א קרעכץ...

זיין פרוי האָט געדענקט ניט געזען
נאָך פון דעם ערשטן וויכער.
מ'האָט אים געזאָגט, אין שטעטל ען
האָט מען געזען זי זיכער.
באקומען האָט ער אָן א שיר
די בעסטע גרוסן וועגן איר...

וואָס קומט דאָ פאָר? צי דען, צי דען
האָט זיך די ערד געענדערט,
און ס'אזוי גרויס דאָס שטעטל ען,
עס זאָל ניט קענען זען דאָרט
א פרוי איר לייבלעך-נאָ'נטן מאַן,
א מאַן — זיין ווייב דעם קאפּיטאַן?..

די ערד איז גאָר ניט אזוי גרויס,
דאָס שטעטל ען — אוואדע,
ווען מאַלקע הערט דעם רייטער־רויש,
איז זי פארנומען גראדע
און האָט אפילע ניט קיין צייט
פון ווייט א קוק טאָן, ווער עס רייט...

און ווען דער רײַטער געדענקט בער
דערזעט פון ווײַט א שוועסטער,
טוט ער א קלער: ס׳איז זי, און ער
ציט אָן די לייצעס פעסטער...
דאָס איז א כאָלעם און ניט מער,
און דאָס פארשטייט ער, געדענקט בער...

נאָר ניט קיין כאָלעם איז די שלאכט,
די גרויזאמע צעשיידונג,
די פינצטערע מילכאָמע-נאכט
אין דער לעוואָנע-קליידונג.
דאָס שטעטל ען, ניט דאָ געדאכט,
האָט די מילכאָמע אויסגעטראכט...

שאקאלן און די זון

שאקאלן האָבן זיך געטראָגן מיט געהויל,
די לופט איז פול געווען מיט שוידער און מיט גרויל,
א קלאנג איז זיך צעגאנגען איבער נאָרעס,
קלאָר איז:
דער קעניג פון די גרויזאַמע שאקאלן
האָט לאנג שוין פעסטגעשטעלט,
אז זייער גרעסטער סוינע אַפ דער וועלט
איז אונדזער זון מיט אירע שטראלן!

ווען ניט די זון, וואָלט אייביק בלויז געהערשט די נאכט,
און באַם שאקאל איז שטארק באנאכט די מאכט,
באנאכט איז דער שאקאל דער קעניג,
און אלץ ארום איז אונטערטעניק
דעם ווילדן קריץ פון זײַנע ציין,
דער קאָרבן קומט אליין.

און רעדלעך גיריקע, שאקאלישע אין היילן טײַנען:
— ווי וואגט די זון גאָר שײַנען,
ווען די שאקאלן זײַנען קעגן איר! —
האָט, כלעפּטשענדיק זײַן נירנבערגער ביר,
א גיריקער שאקאל געשריגן האסטיק...

— פארלעשט די זון! — האָט א שאקאל
געטאָן א שאל
און האָט געפאָכעט מיט זײַן סוואסטיק.
זײַן קאָל
האָט זיך געקויקלט איבער בערג און טאָל,
שאקאלן האָבן זיך א לאָז געטאָן ווי האָזן.

מיט קעפ פאריסענע אַפ הויכער זון זיי בלאָזן,
זיי בלאָזן אָן א שיר,

די זון נעמט בײַטן איר קאָליר,
און צו פאַרנאַכט
האָט זי דעם קוואַל פון ליכט פאַרמאַכט...

— פאַרלאָשן! שוין! — האָט אַ שאַקאַל אַ יונגער אויסגעשריגן, —
ווײַבאַלד מיר האָבן זי געקאָנט באַזיגן,
איז שוין גוט!

אָט מאָרגן אָבער איז די זון געקומען מיט איר ברען
און מיט איר גלוט,
און די שאַקאַלן האָבן גיך דערזען,
אַז זייער זיג האָט בלויז די ווערט אַ גראָשן,
די זון איז ניט פאַרלאָשן,
און זייער אַרבעט איז געווען אומזיסט!

— שיסט! —
האָט דער צעקאַסטערטער קעניג אויסגעשריגן,
— זאָל ווערן אָט די ערד פאַרוויסט,
מיר וועלן אָט די זון באַזיגן!

און ניט געזאַמט
שאַקאַלן טראָגן זיך פאַרפּאַליעט און צעפלאַמט,
זיי שלעפּן ביקסן, באָמבעס און האַרמאַטן.
— אויב ניט מיט גוטן, — שרײַט דער קעניג, — איז מיט בייזן!
און דאָרט, וווּ ווערטער קאָנען גאָרניט לייזן,
קומען טאַטן!..

אַ גאַנצן טאָג האָט מען אין בערג
געהערט
די שיסערײַען —
דאָס האָבן די שאַקאַלן אף דער זון גיט אופגעהערט צו שפּײַען
מיט פײַער און מיט פלאַם.
פאַרנאַכט האָט מען געפײַערט מינאַסטאַם
דעם גרויסן זיג איבער דער זון דער רויטער...

אפֿ מאָרגן אָבער איז די זון געקומען מיט איר ברען,
ווי שטענדיק העל און לויטער,
און די שאקאלן האָבן גיך דערזען,
אז דער ניצאָכן האָט די ווערט נאָך קארגער פֿון א גראָשן,
די זון איז ניט פֿארלאָשן!

עס שיינט די רויטע זון איבער דער ערד,
זי האָט ניט מוירע פֿאר קיין קויל און פֿאר קיין שווערד!

דער קעניג זעט דאָס אלץ און יאָמערט אפֿ שאקאליש:
— איך כאלעש!..

נאָר א שאקאל
מיט עפּאָלעטן פֿון א גענעראל
האָט אויסגעשריגן:
— מיר וועלן זי, די זון, באזיגן!

— נאָר וויאזוי? — האָט זיך צעיאָמערט א שאקאלעכל
מיט א פֿאראשוט אָנשטאָט א שאלעכל.

— פֿארלעשן וועלן מיר די זון געוויס,
ווען ס'וועלן טייכן וואסער טאָן אפֿ איר א פֿליס!

און די שאקאלן
האָבן א לאָז געטאָן די וואסער-קוואלן
אפֿ דער זון.
דערפֿון,
איז קלאָר, ס'האָט גאָרניט זיך געביטן.
די זון האָט אלץ ניט אופֿגעהערט צו שיטן
די שטראלן אירע אפֿ דער ערד,
פֿארקערט,
זי האָט נאָך ווארעמער צו גאָר דער וועלט געוווּנקען,
און די שאקאלן האָבן זיך אין וואסערן אין זייערע דערטרונקען.

אונ די, וואָס זײַנענ נאָכ געבליבנ אפ דער ערד,
הערט !
כאָטש שיסט, כאָטש ניסט,
כאָטש וואסער גיסט
אונ ווארפט מיט שטיינער,
נאָר אונדזער זונ וועט ניט פארלעשנ קיינמאָל קיינער.

א באַלאַדע וועגן דער פאַרשטאַרטער סימכע

ווער זיצט עס אויבנאָן
אינ לעדערנעם פייטאָן
אונ קוקט אינ דעם בינאָקל?
ער מעסט די גרויע ווייט,
ער גענעצט אונ ער שרייט
צום קוטשער דעם דידאָקל:

— צו אַלדי שוואַרצע יאָר,
דו שלעפ זיכ ניט, דו פּאָר,
דאָס דאָרפ מיינס איז שוינ נאָוונט,
מיר מוזנ דאָרטנ זיינ
אונ היינט נאָכ טרינקענ ווייג,
נאָכ ביז ס'וועט ווערנ אָוונט!—

ער טוט א זאָג א וואָרט,
אונ טוט א גלעט די באָרד,
אונ קוקט אינ אַלע זייטנ.
עס בייטנ דעם קאָליר
די קנעפ אָפ זיינ מונדיר,
עס טונקלענ שוינ די ווייטנ.

דער אָנטרייבער דער דיד —
ער טרייבט די פערדלעכ מיד
מיט דייגעס א געפּעלצטער:
— ווי רופט מענ דיכ? — דידאָק! —
נו, טרייב די פערדלעכ, יאָג!
וועסט זיינ בא מיר דער עלטסטער!

אינ פעלד איז שטיל אונ פּוסט,
ס'קלינגט אָפ א זאַטער הוסט

און פאלט אפ היי אפ שפּעטן,
אפ זשאווערדיקן שטאָל,
אפ בלוטנדיקן טאָל,
אפ פערדישע סקעלעטן...

א וועלדל ליגט אין רו,
דאָס וועלדל הערט זיך צו
צום קלאפּ פון ווײַטע רעדער.
דער פאָרער קוקט זיך אום:
דאָס וועלדל גליווערט שטום,
און ס׳גליווערן די סעדער.

ס׳איז גוט: דאָס וועלדל שווײַגט,
די שטילקייט איז צעצווײַגט,
ווו נאָר א שלאנקער טאַנ איז,
ווו נאָר א דעמבל וואכט,
און ס׳דראָט שוין ניט די נאכט
מיט מאכנעס פּארטיזאנעס...

ער וויל זיי הײַנט ניט זען,
פּאָרפירי וואניטש כרען,
ער וויל פון זיי ניט קלערן,
ער קען זיי פון אמאָל —
זיי קענען מיטאמאָל
דעם יאָמטעוו אים צעשטערן.

ער ווארט אפ אָט דעם פּאָר
שוין זעקס און צוואנציק יאָר
און האָט שוין קוים דערווארט זיך,
איז וויל פּאָרפירי כרען,
אז גארניט זאָל געשען
אפ אָפּעסן דאָס הארץ זיך.

ער פירט מיט זיך א בײַטש,
א קוויטל פונעם דײַטש,
א פולע ברוסט מיט צאָרן.
נעקאָמע וויל ער איצט,
אין אויגן זײַנע בליצט
דער קאס פאר אלע יאָרן...

און ווי זשע קומט צו אים
אזא באסאָווע שטים,
א באָרד אזא מיט פײַנע,
אזא מונדיר מיט קנעפּ?
וואָס וויסט דער ברייטער סטעפּ,
דאָס קאָרן פון אוקראַינע?

פּאָרפירי וואַניטש כרען
איז ערשט ניט לאנג געווען
אין א האָטעל אן אלטן
אן אײַנפאכער שווייצאר,
געמאכט זיך פאר א נאר,
נאָר טיף אין זיך באהאלטן

די סינע פון זײַן דאָר.
און זעקס און צוואַנציק יאָר, —
ס'איז שוין פאר אלע קלאָר איצט, —
געוואכט האָט בא דער טיר
אין קאָרטענעם מונדיר
דער לאָקעשיוקער פּאָרעץ.

נאָר דאָס איז אלץ געווען!
פּאָרפירי וואַניטש כרען
דערזעט זײַן דאָרף פונווײַטן,

זײַנ אוצער, זײַנ פאַרמעג,
אנטקעגנ לױפט דער װעג
מיט ליפעס בא די זײַטנ!
אונ אָט איז שױנ געשענ:
פאָרפירי װאַניטש כרענ
איז פאָשעט איבערגליקלעכ,
ער איז מיט סימכע פול,
א דײַטשישער פאַטרול
באַהיט די נײַע בריקלעכ.

א דײַטש דריקט אים די האַנט,
א דײַטש איז קאָמענדאַנט,
א דײַטש שענקט אים א מױער,
א דײַטש גיט אים געװער,
ניטאָ אינ דאָרפ שױנ מער
קײנ סימענ פונ קײנ פױער!

נאָר אײנער קוקט אפ אלצ—
א שטריקל אפנ האַלדז,
א בלױקײַט אונטער װיִעס,
א טױטקײַט אינעם בליק,
אונ ס'װיגט זיכ הינ אונ צ'ריק
זײַנ קערפער אפ א טליִע.

אײַ, אײַ, װי דאָס איז גוט!
עס דאַכט זיכ: אלעס רוט,
דאָס איז א גרױסע מײַלע.
אײַ, װער װעט לײַדנ נױט,
אײַ, װער װעט זײענ ברױט?
דאָס אַרט אים ניט דערװײַלע...

דערווײַל גייט א באַנקעט,
מע הוליעט. ס'איז שוין שפּעט.
מע זשליאָקוועט פון די קווערטלעך,
עס שטינקט די שטוב מיט יויך,
מיט דײַטשן און מיט רויך,
מיט בראָנפן און מיט ווערטלעך...

פּאָרפירי וואַניטש כרעמ
געפרעסן האָט פאר צען,
געבעטן זיך בא אלע:
עס איז נאָך פול דער טיש...
וואָס עסט מען ניט קיין פיש?
וואָס זאָגט מען אפ זײַן סאלע?

דער פּאָרעצ איז א גאָלד,
און ס'האָט זיך אים געוואָלט
מעכאבעד זײַן דידאָקן...
— דידאָק, א גלעזל שנאפּס.
א פּײַערדיקס, דעם שטאבס...
נאָר ווו איז ער, דער זאָקן?

א דײַטש הייבט אופ זײַן האנט:
— עס לעבע אונדזער קאנט,
די דײַטשישע אוקרײַנע!
וויר קאָמען אָט אהער,
נאָר צוליב אײַך, מײַן הער,
און ניט צוליב די שווײַנען!

נאָר זעט, ווי אומגעריכט
עס לעשן זיך די ליכט.
א קלאפּ אין טיר. א צווייטער.
עס טוט א פאל דער דאך,

און ס'טאנצט אינ פלאמ דער שליאכ,
מיט רויבנ א פארוויטער...

פאָרפירי וואניטש כרענ
האָט מער שוינ נישט געזענ,
וואָס דאָרט האָט זיכ פארלאָפנ...

. . . .

ווער זיצט עס אויבנאָנ
אינ לעדערנעמ פײַטאָנ
אונ טרײַבט די פערד אפ צאָפנ?

עס קלינגט אינ וואלד דער גלאָק,
דעמ פארטיזאנ דידאָק
איז פריילעכ אפנ הארצנ,
ס'איז ער זיצט אויבנאָנ
אינ לעדערנעמ פײַטאָנ
אונ פליט אינ וואלד אינ שווארצנ.

בײַטשלאַנד

געלעבט האָט אין דײַטשלאַנד אַ קלוגער פּאָעט,
איצט וואַרפט מען זײַן דענקמאָל אַרויס פון די שטעט,
ער האָט נאָך אַמאָל אין די לידער געלאַכט
פון די בײַטשן, וואָס פײַפן באַטאָג און באַנאַכט
אין די טונק'לע קוואַרטאַלן פון בײַטשלאַנד.

אַ צווייטער פּאָעט האָט אין דײַטשלאַנד געוווינט,
ער האָט וועגן פרײַהייט אין לידער געטרוימט,
ער האָט ניט געשטורעמט, ער האָט ניט געלאַכט,
ער האָט זיך געהאַנגען אין טפיסע באַנאַכט,
אין טפיסע פון פינצטערן בײַטשלאַנד...

איצט בלאָנקען צוויי שאָטנס אין דײַטשלאַנד אַרום,
און ס'קרייצן זיך וועגן צעשראָקן און שטום,
זיי בלאָנקען אַרום איבער כאָרעווע שטעט,
זיי בלאָנקען און הערן, וואָס רעדט
דאָס פאָלק פון צעטראָטענעם בײַטשלאַנד...

וואָס שווימען פאַר וואָלקנס אין דײַטשלאַנד אַרום?
וואָס הילכן געוויינען אין לאַנד אומעטום?
דאָס פּירט מען די קעמפער צו פינצטערע ווענט,
דאָס קלינגען די קייטן אויף זייערע הענט,
און ס'טראָגט זיך דער הילך איבער בײַטשלאַנד.

עס בלאָנקען די שאָטנס פון קאַנט און צו קאַנט,
דער קלאַנג פון די קייטן איז ביידן באַקאַנט,
נאָר ווען איז דער הימל געוואָרן אַזוי קאַלט,
און ווען האָבן בײַטשן ווי איצטער געקנאַלט
אויף בלוטיקע שטיינער פון בײַטשלאַנד?

עס שווּעבּן צוויי שאָטנס דורך שרעק און געוויין —
וואָס זוכן עס קינדער אַף בּרעגן פון ריין?
מיט אומגליק איז פול יעדער קינדערשער בּליק,
זיי זוכן די טאַטעס, וואָס הענגען אַף שטריק,
אַף טליִעס און טליִעס פון בּײַטשלאַנד...

מעשוגענע טרויבּן פאַרשרײַען די שאַנד,
דאָס קסאוו פון די בּײַטשן אַף פּלייצעס פון לאַנד,
צוויי שאָטנס זיך טראָגן דורך פּלעצער אַליין,
און ס'וויינען די כוואַליעס פון אַלטיטשקן ריין,
און ס'קלאָגן די פּלעצער פון בּײַטשלאַנד...

און ס'רײַסט זיך דורך גראַטעס אַ הייזעריקער בּליק,
און ס'טראָגט זיך דורך גראַטעס בּעטהאָווענס מוזיק,
און טעלמאַן הייבּט אויף דורך די גראַטעס זײַן האַנט,
און ליבּקנעכט שטייט אויף פון זײַן קייווער און שפּאַנט
אין שלאַכט קעגן בּלוטיקן בּײַטשלאַנד!

10—1924

א באלאדע וועגן סאָלדאַט מיט דער קוליע

איך ווייס נאָך ניט ווו, און איך ווייס נאָך ניט ווען,
נאָר אזוי וועט דאָס זײַן און אזוי וועט געשען:
די רויבער, וואָס זײַנען געפלויגן נאָך רויב,
וועלן ליגן אין בלוט, און אין שאנד, און אין שטויב,
און דײַטשלאנד וועט פול זײַן מיט קלאָג און געוויין,
דער לעצטער געשריי פון דעם קריג וועט פארגיין.
פון אלץ, וואָס אמאָל האָט דער פיורער געהאט,
וועט בלײַבן אין דײַטשלאנד א קרומער סאָלדאט.

דורך בערג מיט געטייטע, דורך כורוועס, דורך טויט
וועט גיין דער סאָלדאט צו זײַן היימישן פלויט,
צו זײַן היימישער שוועל, צו זײַן היימישער שטאל
און טאָן אַף זײַן ערד וועט דער קרומער א פאל:
קיין שטוב ניט, קיין דאך ניט, די פרוי דוט אין דר׳ערד,
די שוועל איז צעבויגן און בריט ווי א שווערד,
קיין גאסן, קיין שכיינים, נאָר איינזאמע הינט
באפאלן די ביינער אין גאס, און מע שינדט...

וועט נעמען זײַן קוליע דער קרומער סאָלדאט,
מיט זאלץ פון די טרערן זיך אָנעסן זאט,
א זאק אַף די פלייצעס, א קוליע אין האנט,
דער לעצטער סאָלדאט אַף די כורוועס פון לאנד, —
ער הינקט איבער אש פון געוועזענע שטעט,
ער הינקט איבער טײַכן מיט בלוט, און ער זעט:
עס בלאָנקען אלמאָנעס ארום מיט געוויין,
יעסוימימלעך קלאָגן אַף ברעגן פון ריין,
און ווער ס׳איז געלאָפן נאָך רויבערשן גליק —
דער האָט שוין אהיים ניט געקערט זיך צוריק...

וועט דער קאליקע טאָן מיט די קוליעס א פאָך,
טאָן א קוק אַף זײַן וויי, אַף זײַן ווונד, אַף זײַן בראָך

און א זעץ מיט דער קוליע די דײַטשישע ערד,
טוט א שפּאַלט זיך די ערד, און דער קרומער דערהערט
א געררודער פון ביינער, א קריצן פון ציין,
ניט קיין זעלנער — טאַכריכים אנטקעגן אים גייען,
און מע וויינט ניט, מע שטומט און מע פרעגט מיט די הענט:
צי ער האָט זיי געקענט, צי ער האָט זיי דערקענט?
מיט העלדזער, וואָס זײַנען פון לאַנג שוין דערשטיקט,
זיי כריפּען: ווער האָט אונדז אין פײַער געשיקט?

דער קרומער סאָלדאט שטייט אליין און ער טראַכט,
אים דאכט זיך, אז אלץ האָט זיך בלויז אים געדאַכט...

נאָר פלוצעם באווײַזט זיך א קריפּל און שפּאַנט
פּאַוואָליע, פארבײַ א פארבליבענער וואַנט.
דער קרומער סאָלדאט הינקט אים נאָך און דערקענט —
ס'איז דער, וואָס האָט אים און זײַן היימלאַנד געשענדט...

ער לויפט פון געריכט, דאָס איז ער! דאָס איז דער!
נאָר וואָס טויג א סאָלדאט אָן געווער! אָן געווער?
ס'טוט דער קרומער סאָלדאט מיט דער קוליע א פּאָך,
און דער קריפּל דערפילט: ס'לויפט אים עמעצער נאָך,
ס'לויפט אים נאָך א סאָלדאט, ניין! דער טויט לויפט נאָך אים
מיטן קרומען סאָלדאט. אָט ער הערט שוין זײַן שטים,
ס'איז זײַן בייזער געשריי, און עס דוכט זיך אים אויס:
ס'איז דער טויט. דער סאָלדאט — ווי דאָס דײַטשלאַנד גרויס
טוט דער קריפּל א פאַל מיט די וואָנצלעך אין דר'ערד,
און די קוליע איז גאָר ניט קיין קוליע — א שווערד,
און ער פאַלט און באַצאָלט בא א כוואָרעווער וואַנט
מיטן טויט פון א הונט פארן טויט פאר א לאַנד.

זײַנ שוואַרצע לעװײַע

מײַנ קלאָלע זאָל פֿאַלנ אפֿ דיר װי א פֿלאַמיקער האָגל,
דײַנ מאַזל זאָל װערנ צעקנאַקט װי א לײמענער לאָגל,
אונ װו דו װעסט זײַנ, זאָל מײַנ קלאָלע דיכ בראָטנ אונ בריִענ,
ביז ס'װעט מײַנ נעקאָמע דײַנ טרײפֿענעם גאָרגל פֿאַרציִענ!

פֿאַרשאָלטנ זאָל װערנ די מאַמע, װאָס האָט דיכ געבאָרנ,
פֿאַרדאַרט אונ פֿאַרטריקנט זאָל װערנ אפֿ פֿעלדער דײַנ קאָרנ,
נאָכ אײדער ס'װעט קומענ עס שנײַדנ דײַנ מערדערשער שניטער,
זאָל װערנ דײַנ שעטעכ באַדאָרנט מיט נאַקעטע ריטער...

אונ אויב דו װעסט װידער אפֿ פֿעלדער די קערנער פֿאַרזײענ —
זאָל װידער מײַנ קלאָלע, װאָס רײַסט זיכ דורכ קינדער-געשרײענ,
דורכ סרײפֿעס אונ רויכנ, דורכ גװאַלדנ פֿונ פֿרויענ געשענדטע,
דיכ פּאַקנ אונ טראָגנ דײַנ שאַנד צו די דוירעס די צענטע!

דער הימל זאָל דיר אונ דײַנ קנופּיע קײנ טראָפּנ ניט שענקענ,
דײַנ האַקנקרײץ זאָל זיכ אינ בלאָטיקנ בלוט דײַנעם שװענקענ,
אונ װו דו װעסט שפּאַנענ, זאָל ליגנ א שטײנ אפֿ די װעגנ,
די פֿערד זאָלנ טרעטנ אפֿ דיר אונ דײַנ גזײלע-פֿאַרמעגנ...

אונ הינט זאָלנ קומענ באַמיסטיקנ דיכ אונ דײַנ הײכל,
ניט זענ זאָלסטו קײנמאָל קײנ ליכטיקנ קינדערשנ שמײכל,
דײַנ ערד זאָל באַדעקט זײַנ מיט רײענ פֿונ הויכע קורגאַנענ,
דײַנ בוים בא דײַנ פֿענצטער זאָל װי דײַנ מעדינע פֿאַרװיאַנענ!

אונ װו נאָר װעסט פּרוװנ זיכ שטעלנ, זיכ װענדנ, זיכ קערנ,
זאָל זינקענ דײַנ מערדעריש פֿלײש אינ די טײַכנ פֿונ טרערנ,
װאָס טריפֿנ פֿונ מוטערשע אויגנ, פֿונ קינדערשע אויגנ
אונ האָבנ די װעלט װי א װאָלקנ פֿאַרדעקט אונ פֿאַרצויגנ...

דער האס און דער צאָרן, וואָס וויינט אין דער פינצטער פון שטאָקן,
זאָל ווערן די שווערד, וואָס וועט דיך און דיין כאַיִל צעבראָקן,
דאָס יִדישע בלוט אף די פעלדער, די גאַסן, די ברוקן
זאָל אופשטיין און ווערן די סרייפע, וואָס וועט דיך פאַרצוקן!

פאַרשאָלטן זאָל ווערן דיין נאָמען, פאַרמעקט זאָל ער ווערן,
אָט דאָ אונטער זאַנגען פון זון, אונטער שנייען פון שטערן,
ווי שטויב זאָל אנטרינען, פאַרשווינדן דיין ווִיסטע כאַווריע,
און ס'זאָל נאָר מיין קלאָלע באַגלייטן דיין שוואַרצע לעווייע!

אווראָם־ייִצכאָק
און דער בערלינער קונצנמאכער

אַ געבויגענער, א גרויער,
מיט א לאנגן קרומען שטעקן
שפּאנט דער אלטער אווראָם־ייִצכאָק
איבער די בערלינער מארקן,
שפּאנט דער גרייַזער אווראָם־ייִצכאָק
מיט א שמייכל אפּ די ליפּן,
מיט א בייַסנדיקן שמייכל.
אין די גאליק־יונגע אויגן,
און זייַן קאָפּ דער שטאָלצער הייבט זיך
איבער אלע, וועלכע בלאָנדזען
אפּ די לאָמע קרומע שליאכן,
און זייַן באָרד די ווייַסע ציט זיך
ביז די קוטעסן פון גארטל,
זייַן לוסטריגענע קאפּאָטע
היט אין אירע מידע פאלדן
שטויב און ווײ פון לאנגע וועגן,
שפּאנט דער אלטער אווראָם־ייִצכאָק,
ווי א גאסט פון ווייַטע טקופעס,
ווי א גרוס פון אלטע צייַטן,
ווי א צייכן פון א שייוועט,
וואָס זייַן כאָכמע ברענגט אים ליידן,
וואָס זייַן שטארקייַט איז זייַן שוואכקייַט,
וואָס זייַן אייַנגעשפּארטער עמעס
ברענט אפּ שייַטערס און דערברענט ניט,
זינקט אין יאמען און פארזינקט ניט.

שפּאנט דער אלטער אווראָם־ייִצכאָק,
און דער קלוגער קנייטש פון שטערן
גיט דער גאנצער וועלט צו וויסן:

ס'וועט אים גאָרניט איבעראשן,
אָט דעם אקשן אָט דעם אלטן
מיט די קינדערשע שווארצאפלען,
וואָס האָט זיך שוין אָנגעזעטיקט
אי מיט גוטן אי מיט שלעכטן —
מער מיט שלעכטן ווי מיט גוטן,
און ער ווייסט נאָך פון זײַן זיידן,
ווי דער זיידע פון זײַן זיידן:
אלע נײַסן זײַנען אלט שוין
און באוווסט פון קאמע יאָרן,
און די כאָכמע איז פארשריבן
אין די דיקע פאָליִאנטן
מיטן לעדער אַפּ די ראנדן.

זאָגט דער אלטער אווראָם-יִיצכאָק,
אווראָם-יִיצכאָק דער פילאָסאָף:
ס'וועט די זון די גרויסע שײַנען,
ביז זי וועט פארגליווערט ווערן,
און די אײַזבערג וועלן שווימען,
ביז דאָס אײַז וועט ניט פארשווינדן...
אייביק איז דער גײַסט דער פרײַער,
אים וועט קיינער ניט דערשטיקן.
זאָגט דער גרײַזער אווראָם-יִיצכאָק:
ס'איז דער וועג ניט שטענדיק ליכטיק,
כאָטש באטאָג איז זון פאראנען,
כאָטש באנאכט די שטערן לויכטן.
ס'איז באוווסט פון קאמע יאָרן,
אז א מענטש איז ניט קיין כײַע,
און די ליבע צו די מענטשן
איז אוואדע זייער וויכטיק.
זאָגט דער גרײַזער אווראָם-יִיצכאָק:
ווי דער שניי איז שיין אין ווינטערס,

איז דער האָגל שיין אין זומערס,
ס'איז אין פרילינגס שיין דאָס בליִען
און אין הארבסטן דאָס פארוועלקן.
שיין זייַנען די ברייטע טייַכן —
זייער רו און זייער שטראָמען...

ניט באמערקט האָט ער אפילע,
אונדזער גוטער אווראָם־ייִצכאָק,
ווי זייַן געפלדיקער מורמל
האָט זיך אָנגעטאָן אין ווערטער,
ווי אף די בערלינער מארקן
האָט אַן אוילעם זיך פארזאמלט
און באקוקט דעם גאסט דעם מאָדנעם,
און געהערט די ווערטער זייַנע.

איינער הערט ווי א פארגאפטער,
איינער בורטשעט אומצופרידן,
ס'נעמען אנדערע זיך קריגן
מיטן אייַנגעשפארטן זאָקן...
נאָר דער זאָקן שטייט און שמייכלט,
און אף אלע לאנגע טייַנעס
האָט ער זייַנע קורצע טשוועס,
האָט ער זייַנע קלוגע פסוקים:
— אלץ האָט אונדזער ערד געזען שוין,
אלץ איז איר פון לאנג באוווסט שוין!
קוקט אף אים דער גרויסער אוילעם,
מענטשן פינטלען מיט די אויגן:
ס'איז דער זאָקן גאָר קיין נאר ניט...
אָט דער אלטער האָט געדאנקען...
איצטער איז נאָר איינס געבליבן,
די פאפירן קאָנטראָלירן,
ווייַל זייַן באָרד איז שטארק פארדעכטיק.

פון דער נאָז איז אָפּגערעדט שוין,
וואָס איז שײַעך די געדאַנקען,
זאָלן אַנדערע זיי שאַצן,
דער אַריער איז פאַרנומען,
האָט ער ניט קיין צײַט צו טראַכטן.
נאָר אַפּ וויפל אָט דער זאַקן
האָט א נייגונג צו געדאַנקען,
איז א סימען, אַז ער איז שוין
פון אַריער ווײַט אַוואַדע...
ווען די מי פון גאַנצן אוילעם
האָט זיך אויסגעלאָזט מיט גאָרניט,
האָבן זיך געלאָזט שעלוכים
אין די העמדער אין די ברוינע
דעם בערלינער קונצנמאַכער
פוגעם קיניג-פּאַלאַץ ברענגען.

און אַזוי אינמיטנדרינען,
ווען דער אַלטער איז געשטאַנען
און געטײַטשט די שאַרפע פּסוקים,
האָט ער פּלוצעם זיך באַוויזן,
דער בערלינער קונצנמאַכער,
אין א קייזערלעכער בריטשקע,
אינעם הוט פון גרויסן פרידריך,
מיט א קרוין אונטער דער פּאַכווע,
מיט א קאָל פון א פעלדפּעבל,
מיט צוויי וואָנצן ווי די שפּיזלעך.
טוט א לאַך דער קונצנמאַכער
פונעם גרײַזן אַווראָם-יִיצכאָק:
— אַלע ניסן זײַנען אַלט שוין!
ניט געקאָנט האָט אַזאַ אוילעם
אָט דעם זאַקן איבערשפּאַרן?

אין אײנ רעגע דורכגעפלויגנ,
עפשער נאָכ א האלבע רעגע,
ווי באם גאנצנ לאנד מיט מענטשנ
האָבנ שלעסער זיכ באוויזנ
אפ די שטומענדיקע מײַלער.
קוקט מיט שטאָלצ דער קונצנמאכער
אפנ שוואכנ אווראָמ-ייִצכאָק,
נאָר דער אלטער אווראָמ-ייִצכאָק
שטײט א רויִקער אונ שמײכלט,
אונ ער זאָגט דערבײַ באשײדנ:
— דײַנע קונצנ זײַנענ אלט שוינ
ווי די ערד אונ ווי דער הימל,
מ'האָט געמאכט נאָכ אָט די קונצנ
בא די גריכנ, בא די רוימער
אונ געמאכט זיי עטוואָס אײדלער!..

ווערט אײנ קאס דער קונצנמאכער,
איז א רעגע דורכגעפלויגנ,
עפשער נאָכ א האלבע רעגע,
אונ דאָס גאנצע לאנד מיט הײַזער
שטײט אײנ גראטעס ווי א טפיסע,
ניט קײנ פענצטער, ניט קײנ שויבנ,
מענטשנ קוקנ ווי פונ שטײַגנ.

ווידער שמײכלט אווראָמ-ייִצכאָק,
כאָטש זײַנ הארצ איז פול מיט טרערנ,
נאָר ער שמײכלט אפצולאָכעס
דעמ רויצײַעכ דעמ באקרוינטנ:
— דײַנע נײַסנ זײַנענ אלט שוינ,
נאָכ די פערסנ אונ די מיצרימ
פלעגנ מאכנ אָט די קונצנ,
אונ דערבײַ א ביסל קליגער..

צינדט זיך אָן דער קונצנמאַכער
און צעלייגט אַ גרויסן שײַטער,
אַז פֿון רייך דאָס גרויסע וואַסער
זאָל ניט קאָנען אים פֿאַרלעשן...
יאָגן שלעק אין ברוינע העמדער,
יאָגן אויטאָס, פֿליִען וואָגנס,
פּאָליִאַנטן, דיקע בענדער
פֿליִען אין דעם פֿלאַם דעם בייזן,
אַף די פּלעצער די בערלינער.
דאָס פּאַפּיר האָט זיך געראַנגלט
מיט די טאַנצנדיקע פֿלאַמען,
און אַ רויך האָט זיך געהויבן,
ווי אַ וויי-געשריי צום הימל...

דאָ האָט אונדזער אוראָם-יִצחאָק
בלויז אַ קוק געטאָן אַ קאַלטן
אַפֿן ראָשע דעם בערלינער
און אַ זאָג געטאָן צום עולם:
— פֿון פּאַפּיר ווערט אַש, פֿאַרשטייט זיך,
פֿון געדאַנקען ווערן פֿלאַמען,
און פֿאַרלעשן אָט די פֿלאַמען
קאָן ניט קיינער. דאָס איז ריישיס.
וועהאַשיינים, וועט אים שווער זײַן
מיט בעראָנען זיך פֿאַרמעסטן...

די רעציכע האָט צעפֿלאַמט זיך
אַפֿן קונצנמאַכערס פּאָנעם,
ס'האָבן שפּאָרן זיך צעקלונגען
אַף די גלאַנצנדיקע שטיוול,
און אַ בײַטש פֿון גראָבן לעדער
האָט געפּײַפֿט אין זײַנע לאַפּעס;
און עס האָבן זיך באַוויזן

גרויסע מאכנעס העגט געשמידטע,
פיס אין קייטן, שרעק אין אויגן,
און געבראכט האָט מען די מאכנעס
אפ די פלעצער די בערלינער.

ס'האָבן זיך צעפויקט די פויקן,
ס'האָבן זיך צעשוימט די שײַטערס,
ס'האָבן קלאָלעס זיך געטראָגן,
און געשלײַדערט האָט מען מענטשן
אין דעם פײַערדיקן אָפּגרונט,
אין דעם וויענדיקן פײַער.

אווראָם־ייִצכאָק הייבט אָן שרײַען:
— דאָס איז זייער לאַנג געווען שוין;
ווײַסט דעם אַלטן טאָרקוועמאַדאָ
סײַ־ווי־סײַ ניט איבערשטײַגן.
ווײַל ער איז געווען דער גרעסטער
מײַסטער אפ אזוינע קונצן.

ווערט צערייצט דער קונצנמאכער,
וואָס דער אײַנגעשפּאַרטער זאָקן
האַלט דעם אַלטן טאָרקוועמאַדאָ
פאַרן גרעסטן אינקוויזיטאָר
און דער גרויסער קונצנמאכער
איז בא יענעם בלויז א טאַלמיד...

פול מיט בלוט ווערן די אויגן
באַם בערלינער קונצנמאכער:
— גוט! — האָט ער געזאָגט מיט סינע, —
איך וועל אײַך אזוינס באַווײַזן,
וואָס געכאָלעמט האָט זיך קיינעם,
איך וועל אײַך אזוינס באַווײַזן,
וואָס וועט אַלע איבעראַשן,

און דער אקשן אָט דער אַלטער
וועט זיך מוזן אונטערגעבן.

דאָ האָט ער אַזוי געשריִען,
דער בערלינער קונצנמאַכער,
אַז דער רייַן איז רויט געוואָרן
פֿונעם בלוט און פֿון דער בושע,
וואָס האָט זיך פֿון אַלע ווינקלען
אָפּגעשפּיגלט אין די שטראָמען:
— אַלע ייִדן זאָל מען הייַנט נאָך
אָפּ בערלינער פּלעצער הענגען!

דאָ האָט אונדזער אַוורעם-ייִצכאָק
מיטן קאָפּ געטאָן אַ שאָקל,
מיט דער האַנט אַ ווייַז געגעבן
אויפֿן הימל אויפֿן גרויען,
ווי ער וואָלט די ערד און הימל
אויפֿגערופֿן ווי די איידעס,
און זייַן קאָל דאָס אויסגעלאָשנס
האָט געקלונגען שטאָלץ און ערנסט:

— ביסט אַ גרויסער קונצנמאַכער,
ביסט אַ ריזיקער דערפֿינדער,
און איך קען פֿאַר דייַנע נייַסן.
בענעגייע צו די ייִדן
האָסטו צוגעטראַכט אַזעלכס,
אַז עס מעג באַ דיר זיך לערנען
דער באַרימטער ייִדן-פֿרעסער
מיטן אַלטן נאָמען פּאַרע,
הייַנט דאַרף באַ דיר אין הרובע
אַזאַ ייִדן-פֿייַנט ווי האָמען,
און דער פֿייַנער פּורישקעוויטש
איז אַקעגן דיר אַ הינטל.—

קוועלט דער קלוגער קונצנמאכער
און ער זאָגט: ער קאָן נאָך בעסער.
אים באַרויִקט אוורָאָם-יִיצכאָק,
אַז דאָס בעסער האָט קיין שיר ניט...

אַף בערלינער שוואַרצע מאַרקן
פלאַקערן די גראָבע בענדער,
יידן שיסט מען אין די גאַסן,
שלעסער הענגען אַף די מיַילער,
גראַטעס קוקן פון די היַיזער,
הונגער קוקט פון אַלע ווינקלען.
דער בערלינער קונצנמאַכער
וויַיזט נאָך אַלץ די גרויסע קונצן,
און דער גריַיזער אוורָאָם-יִיצכאָק
בלאָנקעט אַלץ איבער די גאַסן,
ווי אַ גאַסט פון וויַיטע טקופעס,
ווי אַ גרוס פון אַלטע ציַיטן,
ווי אַ צייכן פון אַ שייוועט,
וואָס זיַין כאָכמע ברענגט אים ליידן,
וואָס זיַין שטאַרקיַיט איז זיַין שוואַכקיַיט,
וואָס זיַין איַינגעשפּאַרטער עמעס
ברענט אַף שיַיטערס און דערברענט ניט,
זינקט אין יאַמען און פאַרזינקט ניט...

שוועבט דער אַלטער אוורָאָם-יִיצכאָק,
און באַנאַכט פון שטומע טפיסעס,
דורך געקלאַנג פון שווערע קייטן
ווערטער פיַיערדיקע הערט ער:
— אוורָאָם-יִיצכאָק, אוורָאָם-יִיצכאָק,
האָסט אַ טאָעס אין דיַין כעזשבן:
ניַיסן גרויסע, איבערניַיסן,
האָט די ערד שוין לאַנג געבאָרן,

פון דער גרויסער ערד א זעקסטל
איז איינגאנצן שוין געענדערט,
און עס קומען שוין די יאָרן
פון דער גרויסער ערד-באניַיונגען!

דאָרט, ווו קונצנמאכערס הערשן,
ווו דער לעץ איז דער אנטדעקער,
ווו דער פירער איז א גאזלען,
דער פעלדפעבל — א פילאָסאָף,
איז די ארבעט ניט קיין גרינגע,
און דערצו איז נאָך דיַין ריַיע
שוין געוואָרן עטוואָס קאליע.
ס'איז א טאָעס גאָר די מיַיסע,
אז דער פּאָסעק איז א פּאָסעק,
אויב ער האָט א באָרד א לאנגע...

ווען די נאכט איז אויסגעגאנגען,
האָט דער גרויסער טאָג פארלאָשן
אלע שפורן פונעם אלטן
אווראָם-ייִצכאָק דעם פילאָסאָף.
ווי ער האָט זיַין סאָפ געפונען,
קאָן איצט קיינער ניט דערציילן.
צי די טפיסע האָט באהאלטן
אָט דעם זאָקן שוין אף שטענדיק,
צי א שיַיטער האָט געסמאליעט
זיַינע זקיינישע געדאנקען,
צי דער ריין האָט אין די כוואליעס
אים אף אייביק איַינגעשלונגען...

נאָר באנאכט אף פוסטע פלעצער
ווערן אומרויִק די שעכטער,
און עס הילכט אונטער די הימלען
ווי אן אורטייל זיַין געלעכטער...

הערט מיכ, ברידער!

ברידער מײַנע, הערט מיכ, ברידער,
זאָלנ וואַכ זײַנ האַרצ אונ אויער,
כ'שרײַ פונ טאָלנ ווײ אונ טרויער,
ווו די שוואַרצע אומקום-לידער
זינגט דער טויט.
אינ טאָג אינ יענעם
כ'האָב אַפ בערג פונ ווײ אונ וווּנדנ
שוינ פאַרזוכט דעמ טאַמ פונ גענעמ.
פונ מײַנ אויג וועט ניט פאַרשווינדנ,
ניט אַנטלויפנ, ניט אַנטרינענ,
ס'וועלנ ווינטנ ניט צעווייענ, —
כ'האָב געזענ, אַפ פעלדער גרינע
ליגט אַ קינד צעהאַקט אַפּצווייענ,
ליגט אונ קוקט מיט טויטע אויגנ,
ליגט מיט הענטלעכ אויסגעצויגנ...

ברידער מײַנע! זײַט איר בלינד דענ?
איז דאָס קינד ניט אײַער קינד דענ?

כ'האָב געהערט אינ שאָענ פריִע,
ווי געסקריפּעט האָט אַ טליִע
אונ געוויגט אַ יונג אַ קאַלטנ,
נאָר די הענט, ווי גרייט צומ רודער,
אינ דער לופט האָט ער געהאַלטנ;
איז דער יונג ניט אײַער ברודער?

אַפ אַ טײַכ אינ אַש אינ גרויענ
אונ אינ ווייטעק אונ ביזויענ,
כ'האָב געזענ אַ פרוי אַפ שטראָמענ,
אָפּגעזונדערט פונ איר נאָמענ,
איז דאָס פייגע? איז דאָס עסטער?
איז דאָס מיידל ניט דײַנ שוועסטער?

ברידער מײַנע! ווער וועט צאָלנ?
פונ דעמ בלוט, וואָס שטראָמט אָנ אופהער.
ווערט די גאנצע ערד געשוואָלנ,
פונ דעמ בלוט, וואָס שטראָמט אָנ אופהער,
ווערנ טײַכנ פונ די טאָלנ.

קאָנסטו קוקנ אינ די אויגנ
פונ דײַנ ווײַב אונ קינדער דײַנע
אונ ניט רויט ווערנ פונ בושע?
ברענט אונ בראָט דיכ ניט די טײַנע
פונ די שוועסטער די געשענדטע
אונ באשמוצטע דורכ די שעכטער,
פונ געקוילעטע, פארברענטע
זיידעס, טאטעס, זינ אונ טעכטער?
כ'האָב געזענ: אינ טויטנ קאָרנ

אפ די שיידוועגנ פארלאָרנ
אזא גוטע אלטע מאמע,
אירע קנייטשנ אפנ שטערנ
זײַנענ קענטלעכ דיר מיסטאמע?
אָט די מוטערלעכע אויגנ
זײַנענ קענטלעכ דיר מיסטאמע?
אויב ניט זי האָט דיכ געזויגנ,
האָט א צווייטע דיכ געזויגנ,
איז די פרוי דענ ניט דײַנ מאמע?

ברידער מײַנע! לאָמיר שווערנ
בא דער מאמעס ריינע טרערנ,
בא די קינדער אינ די וויגנ,
בא די זילבער-בערד פונ אָוועס,
בא די מייסימ אינ די ראָוועס:
אָדער פאלנ אָדער זיגנ!

1943

אפסנײַ

עס רוען די שווערדן; עס רוישט ניט דער בלײַ,
און ס'זעצט פון די פעלדער די בליִונג אפסנײַ.

ס'איז לויטער און טרויעריק-רויִק די הייך,
און ס'גייט פון די קוימענס א רויִקער רויך...

אין יארן נאָך ליגן די שפורן פון קריג —
א ראָד פון אן אווטאָ, א ליידיקע וויג,

אן איינזאמער שטיוול, א בלאט פון טאנאך,
בוריאן אף קורגאנעס און ביינער א סאך...

עס טראָגן נאָך ווינטן ארום א געוויין,
נאָר ס'ווייט שוין די פאָן פון ניצאָכן באם ריין.

פארבײַ איז דער אומגליק דער גרויסער, פארבײַ...

און ווער ס'האָט א סעדל געהאט אין וואָלין,
האט ווידער דאָס סעדל, ס'איז נאָכאמאָל גרין.

און ווער ס'האָט אין האָמעל א כאטע געהאט,
לעבט ווידער אין כאטע לעהאכעס דעם קאט.

און ווער ס'האָט אין אומאן א דעכל פארמאָגט,
האט פון סאמארקאנד אזש אהינצו געיאָגט.

און ווער ס'האָט אין קאָוונע א ווינקל פארלאָזט,
האט אזש פון טאשקענט זיך אהינצו געלאָזט...

פארבײַ איז דער אומגליק דער גרויסער, פארבײַ,

און ס'בענקען די פעלדער נאָך זאנגען אפסנײַ,
און ס'בענקען די שטעט נאָך געזאנגען אפסנײַ.

און ס׳בענקען די טײַכן נאָך בריקן אפּסנײַ,
און ס׳ווילט זיך די הערצער דערקוויקן אפּסנײַ

מ׳ט פרײלעכע קינדער, וואָס לאַכן אפּסנײַ
און שטיפן אַף זוניקע שליאַכן אַפּסנײַ...

עס לויכט שוין א שמייכל, און ס׳קלינגט שוין א שפּאַס,
און ס׳שפּילט שוין א פּידל אַף פּערעצעס גאַס...

נאָר ס׳טאָר ניט פאַרשווינדן די נעכטיקע פּײַן
אין ביליקע טײַכלעך פון ווערטלעך און ווײַן...

אין קלײניטשקע ווונטשן פון לעבן מיַט טאָלק,
א מענטש איז א מענטש, און א פאָלק איז א פאָלק!

איז לאָמיר א וועק טאָן די קרעפטן אפּסנײַ,
די אַלטקײַט מיט יונגקײַט באַהעפטן אפּסנײַ.

פון כורוועס א הייב טאָן געבײַען אפּסנײַ,
די כאָרעווע וועגן באַנײַען אפּסנײַ.

פאַרטרײַבן פון זיך אַלע מוירעס אפּסנײַ,
און ציִען דעם פאָדעם פון דוירעס אפּסנײַ.

אין נאַכעס, וואָס קומט אונדז אַנטקעגן אפּסנײַ,
אין פרײַנטשאַפט, וואָס וואַרט אַף די וועגן אפּסנײַ,

און הוידען די קינדער אין וויגן אפּסנײַ,
און לעבן, און קעמפן, און זיגן אפּסנײַ.

רעפקעט

איך בין א גוואר

וויפל טויטנ בלאָנקענ אומ בא מײַנע שוועלנ,
אונ יעדערנ פונ זיי בינ איך, דער בידנער מענטש, געפעלנ,
אונ יעדערער קוקט שטיל ארײַנ צו מיר אינ טיר
אונ שרײַט: צו מיר! צו מיר! צו מיר!

איינער פאטשט מיט פליגל אינ די שויבנ
אונ וויל בא מיר מײַנ ביסל כּיעס רויבנ,
דעמ פארגעניגנ דורכשפאנענ די גאס,
א בייגל אופעסנ אונ אָפּלאָזנ א שפּאס...

א צווייטער ווינקט צו מיר פונ קאלטע ביקסנ-רערנ,
אונ לאכט פונ מײַנע קײַלעכדיקע טרערנ,
אונ לויפט מיר נאָכ אונ זוכט מיכ שטילערהייט
אוועקנעמענ בא מיר דאָס קאפּל גרויע פרייד.

דאָס קאַפּל פרייד פון רײַסן פרישע פּלוימען,
פון קוקן אַפן רויך, וואָס גייט פון קוימען,
פון קוקן אַפּ א שטיין, וואָס גייט צו גרונט,
פון הערן, ווי עס בילט א גוטער הונט.

דער דריטער ליאַרעמט מיט זײַן אײַזן מיט זײַן גרויען
און הערט ניט אויף צו דונערן און וויען,
און ווי ער נעכטיקט נאַכט און ווי ער טאָגט,
זוכט ער מײַנע מידע ביינער מ׳שטיינסגעזאָגט...

ער מיינט, אַז ס׳איז א טײַערע מעציע!
און איך, דער נעפּעש מיט דער שוואַכער ריִע,
האַלט אויס די שלאַכט מיט אַלע טויטן נאָכאַנאַנד,
וואָס טרעטן אָפּ דערווײַל פון מיר אין טיפן הינטערלאַנד...

מײַן גרעסטער סוינע איז געווען די מאָרעשכוירע,
כ׳האָב זי באַזיגט, איז וואָס זשע האָב איך מוירע?
דער טויט איז גאָרניט! שרעקלעך איז די שרעק,
וואָס כאַפּט א מענטש און מאַכט פון אים א שנעק.

איך גיי אַנטקעגן אַלע טויטן אָן א פּאַנצער,
און אַלע טאָג באַטאַפּ איך זיך: איך בין א גאַנצער
איך לעב און אָטעם, כ׳שעלט און בענטש,
איך בין א גוואַר, איך בין א בידנער מענטש!

זייגערמאַכערס

באַ לאַנגע טישן זיצן זיי און קוקן אין די לויטערע שפּאַקטיוון,
זיי זוכן אין די שטומע, געלע, קליינע רעדעלעך אַ סאָד,
און ס'גייט די צײַט דורך באַרג־שפּיצן, דורך פעלדער און דורך ריוון,
פאַרבײַ די נידעריקע פענצטערלעך פון דאָרף, פאַרבײַ
די הויכע פענצטער פון דער שטאָט...

זי גייט, די צײַט. געמאָסטן, און געזיכערט, און געלאַסן
איז איר באַוועגונג, און איר שווײַגן, און איר זינגן, און איר טראָט,
די זייגערמאַכערס קוקן זעלטן אויף די געסלעך, אויף די גאַסן;
זיי זוכן אין די שטומע, געלע, קליינע רעדעלעך אַ סאָד...

זיי זיצן אומעטום, ווי ס'וואָלטן קאַלטע קינסטלער זיי באַזעצט אויף שילדן,
עס גליווערט זייער בליק אויף דעם פאַרשטויבטן ציפערבלאַט.
ווער קען ניט אָט דעם בליק, דעם שטרענגן און דעם מילדן,
ווער קען ניט אָט דאָס אויג, וואָס קוקט יאָרהונדערטער
אינעם שפּאַקטיוו און איז נאָך אַלץ ניט זאַט.

די זייגערס שטייען אויף, זיי לויפן, ס'טרעפט, זיי גייען ריכטיק,
די ווײַזערס דרייען זיך ווי שטענדיק שטיל,
און ס'טרעפט, זיי טראָגן זיך פאַרשײַט,
די ווײַזערס דרייען זיך, און דאָס איז זייער וויכטיק,
עס דרייען זיך די שטומע, געלע, קליינע רעדעלעך פון צײַט...

אין גרויסע שטעט באַ לויטערע פּירקאַנטיקע וויטרינעס
און ערגעץ ווײַט באַ שטיבלעך נידעריק באַם סאַמע שליאַך
צעגיסן זיך די זעלביקע קרישטאָלענע באַגינענס,
די זון די זעלבע שטייט אַ יונגע אויף דער וואַך.

איין זון איז דאָ, איין ערד און שטערן, ווי די פּערל,
די זייגערמאַכערס קוקן אויף די זייגערס, און מע ווייסט,
זיי זײַנען קײַלעכדיק, ווי אָט די זון, די ערד, די שטערן,
איז עפּשער דאָס באַ זיי אין לאַנגע, זומערדיקע טעג אַ טרייסט?

אונ עפשער דארפנ זיי קיינ טרייסט ניט. מ׳איז צופרידנ.
אונ דאָס איז עפשער טאַקע זייער טרויעריקע פרייד,
וואָס אָט די צײַט קאָנ ניט נאָר דרישנ, ניט נאָר פליִענ, ניט נאָר זידנ,
נאָר דורכ די פינגער זייערע אונ דורכ די דינע שטיקלעכ מעש
זיכ רוקנ שטילערהייט ?

ס׳איז זיי אליינ באשערט טאָג-טעגלעכ נאָכשפירנ, ווי רעגעס יאָגנ,
די זייגערמאכערס ווייסנ גוט דעם סאָד פונ לאנגזאם אונ געשווינד.
אָט האָט מענ ערשט פונ העכסטנ שטאָק א בארמינענ אראָפגעטראָגנ,
אונ ערגעצ שרײַט שוינ אפ אנ אנדער שטאָק א נײַ-געבוירנ קינד.

ווער זאָגט, אז אלע זייגערס זײַנענ גלײַכ? צו אלדי רוכעס!
פונ איינעמ יאָגט מיט היצ, פונ צווייטנ — מיט א מוירעדיקער קעלט.
ס׳קלינגט איינער — צוועלפ — דעמ אונטערגאנג פונ וועלטנ אונ מעלוכעס,
א צווייטער קלינגט די זעלבע צוועלפ — דעמ אופגאנג פונ א וועלט...

אונ זיי, די זייגערמאכערס, פרייענ זיכ, ווענ זייגערס גייענ ריכטיק,
די קליינע שטיקלעכ מעש זיי גיבנ אָפ די לעבנס זייערע,
די הערצער אונ דאָס בלוט,
די ווײַזערס דרייענ זיכ, אונ דאָס איז זייער וויכטיק,
עס דרייענ זיכ די רעדעלעכ פונ צײַט, אונ דאָס איז זייער גוט!

צו מײַן טאָכטער

צעבײַט ניט דײַן יוגנט אַף קלײנגעלט,
צעביטן — פֿאַרפּאַלן, מײַן קינד.
און זעסטו, אַ שלענגל זיך שלענגלט, —
צעטרעט דאָס, מײַן טאָכטער, געשווינד!

דאָס קלײנגעלט איז פּע, עס איז ביליק,
האַלט טײַער דײַן מײדלשן גאַנג,
געדענק אין דײַן אײנציקן פֿרילינג:
אַ שלענגל קאָן ווערן אַ שלאַנג!

כ׳בין ניט אַזוי אַלט, ווי דערפֿאַרן,
כ׳בין ניט אַזוי קלוג, ווי געניט,
אַ גאַנצע אַרמײ מיט געפֿאַרן
שוין טשאַטעווען נאָך דײַנע טריט...

האַלט הויך דאָס באַצעפּלטע קעפּל
אין קינדערשע ווינטלעך געפֿרישט,
זאָלסטו וויסן, אַז רײַכקײַט איז נעפּל,
אַז קאָוועד איז גאָרנישט מיט נישט...

איז זײַ ניט צעשטרײט, ניט צעברעקלט,
ס׳איז פֿעסטקײַט דאָס טרײַסטע געווער,
און ווײס: יעדער מענטש האָט זײַן פּעקל,
און ס׳מאַכט זיך אַמאָל, אַז ס׳איז שווער.

מיט רײַפֿקײַט ווערט רײַכער דײַן האַנט שוין,
עס לײגט זיך אַ קנײטש אַף דײַן ברעם,
ניט בעטל באַם לעבן, ניט קליאַנטשע,
נאָר קום, ווי אַ גלײַכע, און נעם!

באהיט מיך, גאָט!

זאָל שווײַגן דער, וואָס האָט ניט וואָס צו זאָגן,
ווער ס'האָט פֿון לאַנג פֿאַרגעסן שוין זײַן ברעג,
בײַ וועמען ס'איז די ליד א סקריפּנדיקער וואָגן,
וואָס איז אַף אַלע וועגן שוין געוועזן...

זאָל שווײַגן דער, וואָס האָט זיך אויסגעליידיקט
און גרינג איז אים ווי יעדן פּוסטן זאַנג,
אויב איינער זינגט — גייט ער אַרום באַליידיקט,
אויב איינער גייט — געפֿעלט אים ניט דער גאַנג...

זאָל שווײַגן דער, וואָס האָט זײַן וואָרט פֿאַרלאָרן
און זוכט עס ניט. ער מיינט, אַז ס'ליגט אין טאַש.
ער זעט אַף אַלע וועגן נאָר דעם דאָרן,
און ניט דאָס פֿײַער זעט ער, נאָר דעם אַש.

זאָל שווײַגן דער, וואָס האַלט די אויגן זײַנע
צו קוקן אין די שפּיגלען נאָר אַף זיך,
אים רירט קיין יאָמערעוו ניט, אים רירט קיין פּײַן ניט,
די ערד איז אים נאָר אַ פּאָר ענגע שיך...

באַהיט מיך, גאָט, פֿון אָט דער שטראָף דער גרעסטער —
פֿון שטום און טויט זײַן לעבעדיקערהייט.
אַ דאַנק דיר, ליד, אַ דאַנק, געטרײַע שוועסטער,
דו האָסט אין אַלע שלאַכטן מיך באַגלייט!

אַן אַלטער ניגון

אַן אַלטער ניגון גייט מיר נאָך פוסטריט,
איך ווייס ניט, צי מ׳האָט אים אַמאָל געזונגען,
צי ס׳איז אַ שאָטן פון אַ ליבע-ליד,
וואָס האָט בײַ איר געבורט שוין אָפּגעקלונגען.

איך ווייס ניט, צי דער ניגון האָט געשוועבט
אין אופשטאַנדן פון קנעכט קעגן באַצווינגער,
עס זאָגט מיר נאָר מײַן האַרץ: ער האָט געלעבט,
ער האָט געטראָגן זיך אַ פרײלעכער, אַ גרינגער...

ער האָט געטראָגן זיך פון מויל צו מויל,
פון דאָר צו דאָר געפלויגן ווי אויף פליגל,
און ווען דעם טאַטן האָט אוועקגעלייגט אַ קויל,
האָט ער געוואַרט שוין בײַ דעם זונס פאַרוואָלקנט וויגל...

און עפּשער האָט דער זון אויף שײַטערס פון מאַדריד
אַמאָל נאָך, גאָר אַמאָל אַ ליד אַזאַ פאַרלאָרן,
דאָס פײַער האָט פאַרברענט די ווערטער פון דער ליד,
דער ניגון האָט געוואַנדערט דורך די יאָרן,

און ווי אַ שטומער יאָסעם האָט ער שטיל
געהיט די קלאַנגען זײַנע מיט אַ ציטער,
אַמאָל געגנעכטיקט לעם אַ דרעמלענדיקער מיל,
אַמאָל געטאָגט אויף ליפּן פון די שניטער...

אַן אַלטער ניגון גייט מיר נאָך פוסטריט,
ער ווינט מיט מיר שוין באַלד אַ גאַנצן זומער,
ער האָט קיין ווערטער ניט צו ווערן נאָכאַמאָל אַ ליד,
ער שווימט צו טויערן פון אייביקייט אַ שטומער...

און ווען ער פליט אַמאָל פון מיר אוועק,
דערזע איך אים אויף נאָדלען שטערנדיקע הענגען.
כ׳הייב אויף מײַן קאָפּ, די הענט צו אים איך שטרעק
און בעט אַ גרוס פון מיר מײַן אוריינקל ברענגען...

עס טרעפט אמאָל

עס טרעפט אמאָל, איך גיי שפּאַצירן,
דער זומער-טאָג האָט שטיל דערברענט,
עס גייט א ווארעמקייט פון טירן.
עס דוכט, זי רייסט זיך פון די ווענט...

איך וויל אין איר זיך שווענקען, באָדן,
מיך פרישט די ווארעמקייט ווי טוי,
נאָר מענטשן שליסן שוין די לאָדן,
און העלע שויבן ווערן גרוי...

און ס׳ווערט מיין טראָט דאן א פארשווערטער,
איך האָב די שויבן ניט דערקענט,
איך בענק נאָך זומערדיקע ווערטער,
איך בענק נאָך ברידערלעכע הענט...

איך בענק נאָך מוטערלעכע אויגן,
וואָס שליסן זיך ניט אויך בײנאכט,
נאָר מ׳האָט די פאָרהאנגען פארצויגן
און מ׳האָט די לאָדן שוין פארמאכט...

עס טרעפט אמאָל, איך גיי שפּאַצירן,
און ס׳ווילט זיך בעטן: גוטע לייט,
פארשליסט ניט אזוי פרי די טירן,
פארמאכט די לאָדן ניט... האָט צייט!

אין אַן אַלטן וואַלד

דאָ איז די צײַט אין יעדן שטאַנג פֿאַרקאַרבט,
דאָ איז די צײַט אין יעדן שטאַם פֿאַרשניטן.
אַ בוים לעבט אָפּ זײַן שטיקל וועלט און שטאַרבט,
נאָר ס׳לעבט דער וואַלד, ער האָט זיך ניט געביטן!

אַ שטורעם קומט און שינדט פֿון בוים די הויט,
אַלייען לאַנגע בלײַבן אָפּגעשונדן.
עס טוט אַ שמעק מיט אומקום און מיט טויט,
נאָר ס׳קומט די צײַט און היילט זיי אויס, די ווונדן.

אַ פֿײַער שוימט און צינדט די גרינע וועלט,
ס׳איז שווער דעם וואַלד פֿון פֿײַער זיך פֿאַרהיטן,
ער לײַדט פֿון פֿלאַם, פֿון פֿלאַמענדיקער קעלט,
נאָר ס׳לעבט דער וואַלד, ער האָט זיך ניט געביטן...

עס טרעפֿט אַמאָל, ווען ס׳קלינגען ווײַטע העק,
דאַן שטייט דער וואַלד אין רויִקײַט פֿאַרטרויערט,
און ווי אַ שטילע פֿאַרע גייט די שרעק
פֿון זײַן צעטריקנטן, צעבושעוועטן דרויערד...

ווען ס׳קומט די עלטער צו אַ בוים, איז קלאָר:
דאַן נעמט דער בוים מיט געלע בלעטער שיטן,
נאָר ס׳שפּאַרט פֿון דר׳ערד אַ יונגער גרינער דאָר —
עס לעבט דער וואַלד, ער האָט זיך ניט געביטן.

א וואָרט אזא

א דאַנק דיר, הייב: דו זונסט מיך און דו שטערנסט,
דו שיקסט מיר שײַן באַטאָג און אויך באַנאַכט,
דיר איז באַוווּסט מײַן לײַכטזין און מײַן ערנסט
און אויך מײַן קרענק, פאַר קיינעם ניט געדאַכט...

די גוטע קרענק, די גאָלדענע, די אַלטע,
זי לאָזט ניט רוען מיך, זי טרײַבט מיך פונעם אָרט,
און כ'פלי צו דיר, מײַן הייך מײַן פלאַמיק-קאַלטע,
און זוך בא דיר דאָס ניט געזאָגטע וואָרט.

דאָס וואָרט, וואָס האָט אַפּ ליפּן בלויז געפלאַטערט
און ווייסט נאָך ניט דעם אָנריר פון פּאַפּיר,
דאָס וואָרט, וואָס ווערט פון וואַנדערניש ניט זאַטער,
דאָס אומשולדיקע וואָרט, וואָס וואַרט אַפּ מיר...

דאָס זויבערע, דאָס גליקלעכע, דאָס שלאַנקע,
וואָס ווייסט נאָך ניט קיין קלאָלעס און קיין לויב,
וואָס האָט נאָך ניט געטאַנצט בא קיין שאַרמאַנקע
און האָט נאָך ניט געוואַלגערט זיך אין שטויב...

איך פלי צו דיר, מײַן הייך מײַן אויסגעבליטע,
איך פלי מיט וווּנדער-נעצן פון מײַן בליק,
נאָר ס'טרעפט: מיט פּוסטע נעצן, ווי א שוימע,
קער איך זיך אום אהיים צו זיך צוריק...

איך בין צו דיר ניט איין מאָל שוין געפלויגן,
און כ'ווייס, ווען כ'זע, ווען נעצן זײַנען פּוסט,
אַז שולדיק איז דער גלײַכגילט אין די אויגן
און שולדיק איז דאָס פּרעסטל אין דער ברוסט...

איך הייב זיך אויף, מײַן הייך מײַן װוּנדערבאַרע,
איך פלי אין דײַן געדיכטעניש אַרײַן,
כ'פאַרוואַרף מײַן נעץ אין דײַנע וואַנדער־כמאַרעס,
מײַן הייך, מײַן טיף, מײַן אומזײַן און מײַן זײַן!

און עס אַנטפּלעקן זיך די קלאָרסטע ברונעמס,
איך שטיי אונטער דײַן בלויקײַט און איך שעפּ,
אַ וואָרט אַזאַ, וואָס מ'האָט נאָך ניט געפונען,
אַן אוראַלטס און אַ יונגס, ווי אָט דער סטעפּ.

אין רעגעס פון צאַר

די רו און דער שטורעם זײַנען שכײנים בא מיר,
און איך וווין אינמיטן.
ס׳איז אָפן מײַן טיר,
און איך לעב מיט די שכײנים, ווי אַנדערע צוויי,
נאָר די רו וויל ניט לײַדן מײַן יובל־געשריי,
און דער שטורעם פאַרטראָגט ניט די שטילקײַט אין מיר,
איז וואָס קאָן איך העלפן? פאַרשפאַר איך די טיר.
די רו און דער שטורעם —
איך וווין אין דער מיט.
באַשערט איז אונדז לעבן אַזוי זאַלבעדריט...

דאָס גליק און דער אומגליק שפאַנען שטענדיק באַנאַנד,
און איך בין אינמיטן.
איך הענג אַפן ראַנד,
אַפן ראַנד פונעם אומגליק, אַפן ראַנד פונעם גליק,
איך הענג, ווי עס הענגט אַ צעבראָכענער בריק,
ווי אַ פויגל אָן פליגל, וואָס הענגט אַפ אַ בוים,
איך הענג, ווי אַ וואָלקן אין מידבער פון רוים...

און ס׳איז גוט, און ס׳איז שלעכט, און ס׳איז גרינג, און ס׳איז שווער,
און מײַן גלויבן, וואָס כ׳האָב, איז דאָס שטאַרקסטע געווער,
נאָר ווער איך אַ זון אַפ אַ ווײַל,
קומט די נאַכט,
און ווער איך אַ שטערן, פאַר קײנעם געדאַכט,
נעמט שאַרײַען אַפ טאָג, און עס קלאָרט, און עס בלויט,
און איך הענג אין דער מיט צווישן לעבן און טויט,
ווי אַ בליץ אַפ אַ וואָלקן, ווי אַ שטראַל אַפ אַ פלויט,
און דער צאַר איז מײַן זאַלץ, און דער גלויבן — מײַן ברויט.

אָוונט

אפֿן גאַנעק זיצט דער טרויער
מיט א שפּיזל אפֿן אויער,
מיט א זאָק אין אלטער האַנט,
ווינטן וויינען אין די רינוועס,
און דער אָוונט וועבט זײַן שפּינוועבס
אף די הימלען פֿון מײַן קאַנט.

אומדערוואַרטעט ווי א דונער,
יעדן אָוונט, ווען די זון נאָר
פֿאַלט א מידע אין דעם גראָז,
גייט פֿון שטוב ארויס דער טרויער
מיטן שפּיזל אפֿן אויער
און ער וועבט דאָרט — ווער ווייסט וואָס?

עפּשער וועבט ער דאָרט א מײַסע
וועגן מויערס הויכע, ווײַסע
מיט געשניצטע מירמל-טרעפּ,
וואָס די צײַט האָט פֿאַרפּאַראָשעט,
עפּשער וועבט ער שפּינוועבס פּאָשעט,
ווי דער אָוונט אינעם סטעפּ...

עפּשער וועבט ער גאָר אצינדער
שלעכטע בסורעס פֿאַר די קינדער,
זייער טאַטע לעבט ניט מער,
און עס טרייסלט שוין א בוים אים,
און זיי זײַנען שוין יעסוימים,
וועלכע קומען אָן אהער.

קומט פֿון ערגעץ א לוי-יוצלעך,
קוקט ער גאָר ניט אף די פּיצלעך,

צו די קינדער גיט א היק:
— היי, וואָס איז דאָס פאר א היילעכ! —
און באפוילט זיי ווערנ פריילעכ,
פריילעכ, שמיילעכ, מיילעכ פיק.

און דער טרויער פאָלגט ניט קיינעם,
דער לוי-יוצלעכ ברעכט די ציינ אים,
כאפט ארויס א דײַטשע שווערד —
און דער טרויער ליגט געקוילעט
מיט די קינדער קעגנ מוילעד,
וואָס באהאלט זיכ פונ דער ערד.

צו א טאָטער'ן

ס'איז ז'עמלט פלאַם, און רויך, און קריג געווען,
בלויז בליי געווען איז מײַן פאַרמעג,
די צײַט פלעגט כמאַרעלעך פאַרסטריגעווען
מיט בייזע דויכלעך פון געשלעג...

בא יאַמען שוימיקע, פאַרמעוועטע,
מיט שיפלעך קראַנקע אפן ברעג
זײַנען געפלויגן טעג צערעוועטע,
מיט העלדזער אָנגעפּילט מיט שרעק...

דער שוים באַם ברעג, ווי שעפּטלעך קלאָר־ווײַסע,
ווי דולע ציגן אין א טאָל,
און דו, א ברוינע און א באָרוועסע,
האָסט מיך באַגעגנט אלע מאָל,

ווי ס'וואָלט קיין פלאַם, קיין רויך, קיין קריג געווען,
קיין מינדסטער סימען פון קיין שלאַכט,
ביסט אלע טאָג בא מיר גאַנצפרי געווען
און מילך א קריגעלע געבראַכט...

געשריגן האָט אַפּ דיר דײַן פאָטער שוין,
געשראָקן האָסטו זיך פאַר מיר,
אין דײַנע אייגעלעך די טאַטערשע
האָט זיך געשפּיגלט דער אינזשיר...

דו ביסט צו מיר מיט גרינעם פעלד געגאַן,
די זון האָט מער נאָך דיך געברוינט,
איך בין נאָך דאַן אין א שינעל געגאַן,
אין א זעמליאַנקע כ'האָב געוווינט...

כ'פלעג איבער אלע פעלדזן קלעטערן,
איר זאָלט ניט לעבן ווי די קנעכט...
דו זאָגסט: א דאַנק פאַר פרײַע שעטעכן,
איך זאָג: א דאַנק פאַר קרימער נעכט...

ווי דאָס גראָז

ווי דאָס גראָז וויל איך וואקסן אפֿ דר׳ערד,
אזוי פֿריש און פֿארשפּרייט,
ווי דאָס גראָז אפֿ דער פֿעלדיקער ברייט
וויל איך וואקסן אפֿ דר׳ערד,
אזוי יונג און פֿארמערט
ווי דאָס גראָז וויל איך וואקסן אפֿ דר׳ערד!

ווי דאָס גראָז וויל איך שעפּן די זאפֿט
פֿון דער ערדישער ברוסט,
צו די הייכן זיך ציִען פֿארגאפֿט
מיט א קינדערשער לוסט...
פֿון דער ערדישער ברוסט
ווי דאָס גראָז וויל איך טרינקען די זאפֿט...

ווי דאָס גראָז אין א דאָרפֿישן סאָד
וויל איך זײַן, וויל איך זײַן,
ווי דאָס גראָז, וואָס ברענגט פֿרישקייט דער שטאָט
און זאפֿט ברענגט ארײַן,
ווי דאָס גראָז וויל איך זײַן
אפֿן בארג, אינעם פּארק, אינעם סאָד...

ווי דאָס גראָז אין די טיפֿן פֿון יאם,
בא די ברעגן פֿון טײַך,
כ׳מעג אויך וויסן פֿון וועלקן דעם טאם,
נאָר מיט פֿרילינג באגלײַך
אופֿגיין מונטער און רײַך
פֿון דער ערד צו דעם זוניקן פֿלאם.

איך וויל זײַן
ווי דאָס גראָז פֿון דער וועלט
וויל איך זײַן,
מיטן היימישן ווּקס, מיטן היימלאָזן וועלק
ווי דאָס גראָז פֿון דער וועלט
וויל איך זײַן,
נאָר ניט ווי דאָס גראָז
פֿון בעסאַלמענשן פֿעלד,
וואָס וואַקסט פֿון די בערד
און וואָס ווערט
פֿון פֿאַרלאָשענע הערצער געגערט.

עפּיטאַפֿיע

ס'האָט יעדער מענטש אַ טרוים, וואָס לעבט מיט אים אינאיינעם,
אַמאָל ווי הייסע פֿרײַנט, אַמאָל ווי קאַלטע שכיינים.
איין טרוים, איין גרויסער טרוים באַגלייט מיך אין מײַן גאַנג,
ער לעבט אין מיר, ווי ס'לעבט מײַן האַרץ און מײַן געזאַנג:
ווען בלײַבן מיט דער הוילער ערד וועל איך אַליין נאָר,
ווען ס'וועט דער ייִדישער בעסוילעם מײַנע אַלטע ביינער
אויפֿנעמען,
זאָל דער פֿאַרבײַגייער, באַמערקנדיק מײַן צאַם,
דערזעענדיק דאָס גראָז, וואָס הייבט זיך פֿון מײַן שטאַם,
אַ זאָג טאָן פֿאַר דעם לעבעדיקן ווינט:
— ער איז געווען אַ מענטש, ער האָט זײַן פֿאָלק געדינט!

קינדהײַט

בינ איך נאָך א שנעקל,
רײַט איך אפ א שטעקל,
אפ מײַנ פראָסטנ שטעקל רײַט איך אויס א וועלט,
ס׳מעגנ די בולאַנגע
זײַנ מײַנ פערד מעקאַנגע,
אזא פערד ווי אונדזערס קויפט מענ ניט פאר געלט!

זע נאָר, ווי עס לויפנ
פאַניע פענקינס הויפנ
שוינ פארבײַ דעמ קלויסטער מיטנ גרינעמ פלויט,
אָט איז שוינ דאָס געסל,
ווו מײַנ מומע פעסל
גיט מיר אָפט פאָווידלע, אָנגעשמירט אפ ברויט.

מיט מײַנ פערדל פאָר איך
צו מײַנ פעטער זאָרעכ,
זײַנ באמ פעטער זאָרעכ איז מיר אָפט באשערט,
ציפּעט ער זײַנ בערדל,
אונ ער גלעט מײַנ פערדל:
— וויפל האָבער, טאכשיט, עסט עס אופ דײַנ פערד?

קורצע הייזלעכ טראָג איך,
אונ א פערד פארמאָג איך,
עסט עס ניט קיינ האָבער, קײַט עס ניט קיינ היי,
נאָר ווענ כ׳טו א וואָרנ,
ווענ איך הייס דעמ פאָרנ,
פליט עס, ווי א מאזיק, טראָגט זיכ עס פאר צוויי.

באָד איך עס אינ ריטשקע,
קומענ הינט א טיטשקע,
האווקענ אפ די פערדלעכ, נאָר אפ מײַנעמ — ניט,

אויסגעבאָדן — ווײַטער,
דאָס בין איך דער רײַטער.
— הײַדא! — און מיט שטויבן ווערט דער וועג פארשיט.

און א זאָטל פליט עס,
און א צוימל ציט עס,
הירזשען האָט עס קײנמאָל קײנער ניט געהערט...
ס'קאָן גאלאָפּ זיך טראָגן,
ווי א ווינט זיך יאָגן,
כ'וואָלט עס ניט פארביטן אפן בעסטן פערד.

זאָל דער טאטע לאכן,
קוקן אפ די שליאכן,
איך וועל פאָרן ווײַטער, ער וועט גײן צופוס.
שרײַט ער: און קאטאָוועס
מאכ אים כאָטש פּידקאָוועס,
און פּידקאָוועס לויפט ער — אײַ, איז דאָס א סוס!

פלי איך איצט מיט באנען,
מיט עראָפּלאנען,
אינעם יאָג פארליר איך אָפּט מײַן עלטער-לאסט,
און איך נעם דאָס שטעקל,
ווער צוריק א שנעקל —
קײנעוודיקע קינדהײַט! כ'פאָר צו דיר צוגאסט!

קומט זוכנ דעמ נעכטיקנ טאָג

ראבויסקײַ! מע דארפ זיכ ניט זאָרגנ,
קומט זוכנ דעמ נעכטיקנ טאָג,
ער איז ניט קיינ הײַנט, ניט קיינ מאָרגנ,
אונ וויגט זיכ מיט אונדז אפ דער וואָג...

די וואָגשאָלנ הוידענ זיכ, פאלנ,
אונ ס'וויגט זיכ אינ שאָלנ אינ צוויי
די בענקשאפט נאָכ דעמ, וואָס פארפאלנ,
דער טרויער נאָכ נעכטיקנ ווײ...

ראבויסקײַ! ס'איז עפּשער א ליגנ:
די וואָגשאָלנ וויגנ זיכ ניט,
דאָס הויערט דער טאָג אפ די פליגל
פונ אונדזער צעשפּילטנ געמיט...

ער טראָגט זיכ מיט אונדז אפ די שליאכנ,
מיר הערנ זײַנ שטילקײַט, זײַנ יאָג,
אונ וואָס זאָל מיט אונדז זיכ ניט מאכנ,
ער זעט אונדז, דער נעכטיקער טאָג!

איז לאָמיר אימ טאקע געפינענ,
אונ זאָל ער זיכ קערנ צוריק,
אונ לאָמיר אפ ווײַטער אויכ שפּינענ
אָט דאָס, וואָס געהייסנ האָט גליק

בא אונדז אפ דער ערד דער באפרײַטער;
נאָר וואָלקנס באדעקנ די ערד,
אונ ס'פליִענ פארוווּנדעטע רײַטער
אפ דרײַמאָל פארוווּנדעטע פערד...

ראבויסקי! מע דארף זיך ניט נארן,
דער נעכטיקער טאָג איז א טרוים,
זײַן נעסט איז א וואלד פון געפארן,
אין וואלד — א פארקישעפטער בוים...

און דאָך שטייט ער קלאָר פאר די אויגן
און רופט מיט זײַן ערדישער פראכט,
ער שטייט ניט געשענדט, ניט געבויגן,
דער טאָג, וואָס ער האָט ניט קיין נאכט.

א כאָלעם: ער וויגט זיך אף שפיזן,
דער נעכטיקער טאָג, און ער ברענט,
איז לאָמיר זיך ווארפן ווי ריזן
מיט צאָרן און פלאם אין די הענט.

און ניט מיט קיין מאבל פון טרערן
און ניט מיט קיין יאָמער און קלאָג,
מיט באָמבעס און ביקסענע דערן
קומט קרוינען דעם נעכטיקן טאָג!

מײַן ליבער

כ'האָב דיר אויסגענייט א האנטעך
מיט א רויטן זוים,
האָט א רוף געטאָן דאָס לאנד דיך,
ביסט אוועק, מײַן טרוים.

שטיי איך, קוק איך אף די שליאכן,
צי מײַן ליבער גייט,
נאָר די גרינגע ביימער לאכן,
לאכן שטילערהייט.

כ'האָב דיר אויסגענייט א טיכל
מיט א רויטן האָן,
זאָגן אלע, אז אינגיכן
קומט מײַן ליבער אָן.

שטיי איך, קוק איך אף די וועגן,
צי מײַן ליבער רײַט,
טלאָען רוישן ווי א רעגן,
נאָר ס'איז זייער ווײַט.

כ'האָב א זעקל אופגענייט דיר,
ווארט עס אויך אף דיר,
און א צימער צוגעגרייט דיר,
ווענטלעך איבער שפאליר.

אלץ איז גרייט פונדערײַנעטוועגן,
קום זשע, קום געשווינד,
שטיי איך, ווארט איך בא די ברעגן,
צי מײַן ליבער שווימט.

כ'האָב דעמ הויפ מיט זאמד באשאָטנ
אונ דעמ שטויב פארקערט,
זע איכ, ס'פאלט פונ הייכ א שאָטנ
אפ מײַנ גרינער ערד.

פאלט א שאָטנ — גרויער גארעס,
שפרייט זיכ אפנ צוויט,
קוקנ אלע אפ די כמארעס,
ווי מײַנ ליבער פליט!

לייקע

אויסגעפּאַרבט די ברישקע, פּערדעלעך מאַזיקים,
הײַדאַ! איבער ברייטן שפּרייט זיך מײַן פּאַרמעג.
און די ווילדע ווינטן ווינטשעווען: באַגליק אים,
גוטע גרוסן שיק אים און אַ גוטן וועג.

הײַדאַ! און אַנטקעגן לויפן מיר די ווייצן,
און דער הימל בייגט זיך, בייגט זיך איבער מיר,
און באַקאַנטע וועגן קרייצן זיך און קרייצן,
און באַקאַנטע כמאַרעס בײַטן דעם קאָליר.

שמעקט די הייך מיט רעגן, שמעקט די לופט מיט סטעלניק,
לויפן פון באַשטאַנעס גרינסן אינעם טאָל,
און די זון די שטילע זיצט מיט מיר אין קעלניע,
אירע אַלע שפּיצלעך ווייס איך פון אַמאָל.

אָט איז זי פון אונטן, אָט איז זי פון אויבן,
אָט איז זי שוין ווידער מיט די כמאַרעס גלײַך,
אין די ברייטע פעלדער הוידען זיך די שטויבן,
וויגן זיך די זאַנגען — אַ צעזונטער טײַך.

אָט איז שוין דאָס דערפל, אָט איז שוין דאָס בריקל;
ס'לויפן מיר אַנטקעגן קינדערלעך פּאַרברוינט,
טוען זיך די געסלעך פריילעך אַ צעוויקל:
אָט איז שוין דאָס שטיבל, וווּ מײַן מיידל וווינט.

כ'פיר פאַר איר מאַטאָנעס טאַקע ניט קיין פּראָסטע,
כ'פיר איר נײַע לידער וועגן ערשטן מײַ,
און אַ בריוו פון טאַטן, און אַ גרוס פון מאָסקווע,
און אַ בינטל ביכער, ערשט פון דרוקערײַ.

כ'טו א קלאַפּ אין טירל, נאָר וואָס שווײַגט מען? שטיי נאָר:
— לייקע! עפן גיכער, עפן! דאָס בין איך! —
שטיל איז אינעם שטיבל, ס'עפנט מיר ניט קיינער,
נאָר דער געלער קאָטער מורקעט אין דער קיך...

און דער שווארצער ראבטשיק, און דער בונטער ענדיק,
און דער יונגער לאָשעק מיט דער זעברע־פעל,
און די הויכע הענער, פינקלענדיק און בלענדיק,
לויפן נאָך די הינער, קרייען לעם דער שוועל...

כ'שטיי אינמיטן הייפל. וועמען זאָל איך פרעגן?
פאר די אויגן מײַנע שפרייט זיך אויס דער סטעפ,
שטיבלעך, ווי קוואדראטן, שטייען בא די וועגן
מיט די רויטע היטלען אף די גרויסע קעפ...

שפאן איך צו די שטיבלעך, קלאַפּ איך אין די שויבן:
— עפשער קאָנט איר זאָגן, עפשער ווייסט דאָ ווער? —
דורך די פענצטער פליִען ווערטער, ווי די טויבן:
— א גוט־מאָרגן, יאָסקע! ווען קומסטו אהער?

ווו איז איצטער לייקע? נאָר ווער קאָן עס וויסן?
איינער זאָגט, אז לייקע פאָלעט דעם בוריאַן,
לייקע איז געגאנגען בורעקעס באגיסן,
לייקע האָט נאָך נעכטן אײַנגעשפאנט דעם שפאן...

איינער זאָגט, א צווייטער און נאָך איינער א דריטער,
און די ווערטער פליִען, פליִען אָן א סאָף,
לייקע איז אין פעלד איצט בא די אלטע היטער,
לייקע וואשט די קעלבלעך, לייקע שערט די שאָף...

לייקע! לייקע! לייקע! פליט פון אלע זײַטן.
איינער זאָגט — אין ראדע, איינער — אין קאָלווירט,
און דער דריטער שמייכלט... וואָס זאָל עס באטײַטן,
האָט זי מיט א צווייטן עפשער געשפאצירט?..

פערדעלעך מאַזיקים! פליט צוריק פונדאַנען,
טראָגט מיך איבער פעלדער גלײַך אַהיים צו מיר.
אפן האַרצן פאַלן נאַכטיקע טומאַנען,
כ'קום צוריק אין שטעטל, טו אַ קלאַפּ אין טיר...

נאָר וואָס זע איך? ברידער! לייקע לויפט אַנטקעגן!
איבער אַלע שוועלן טו איך זיך אַ טראָג.
פערדעלעך מאַזיקים! קוקט ניט אפ די וועגן —
איך וועט איצטער מוזן וואַרטן ביז פאַרטאָג!

שימקעס געוויין

קומט אהיים דער קליינער שימקע
מיט א ביטערן געוויין:
— מאמע, מאמע, קום אין דרויסן,
מאמע, מאמע, לאָמיר גיין!

ס'זײַנען פערד דאָרט אָנגעפלויגן,
א מעסוקענער טאבון,
און זיי טרינקען אוי'ס דאָס וואסער,
און זיי עסן אוף די זון.

מ'האָט זי שוין ארומגעביסן,
זע, ווי זי איז געבעכ קליין! —
זאָגט די מאמע מיט א שמייכל:
— שימקע טײַערער, ניט וויין!

זינט עס שטייט די וועלט די גרויסע,
טרינקט פון טײַכל דער טאבון,
און קיין פערד קאָן ניט דערלאנגען,
ניט דערלאנגען צו דער זון! —

ווען די נאכט האָט אויסגעשפּרייט זיך
אף דער דרעמלענדיקער ערד,
האָבן פריילעכער געהירזשעט
אינעם טײַך די שווארצע פערד...

קומט אהיים דער קליינער שימקע
מיט א כליפּעניש אהיים:
— מאמע, לאָמיר, מאמע, גיכער,
מאמע, מאמע, לאָמיר גיין!

מ'האָט די זון שוין אויפגעגעסן,
ס'איז א פינצטערניש — א שרעק,
און די פערד מיט גרויסע פיסקעס
טאָפּטשען ווידער זיך באם ברעג...

זע: זיי זופן די לעוואָנע
מיט די כוואליעכלעך באגלײַך,
און זיי שלינגען אײַן די שטערן,
אלע שטערן פונעם טײַך!

— וויין ניט, שימקע, — זאָגט די מאמע, —
דינט עס ווייסט די וועלט פון שײַן,
שלינגען פערד די קלאָרע שטערן
און זיי שלינגען ניט אײַן!

ס'איז די זון — א זון, ווי שטענדיק,
שטערן שײַנען אפ דער ערד.
און א טײַכל איז א טײַכל,
און א פערד פארבלײַבט א פערד!..

ריווע טוועד

כ'קען א מיידל, ס'איז א מיידל מיט א נאָמען ריווע טוועד,
ס'איז א פּאָשעט ייִדיש מיידל — ניט קיין מיידל, נאָר א שעד,
אויגן — פלוימען,
צעפּ — קאַשטאַן,
מיט א טענצל
אינעם שפּאַן.

ווו א גאָרטן, איז זי דאָרטן — נאָר זי פּאָרעט זיך און פּאָרט,
וואַקסן עפּל אַף די ביימער, אידע עפּל — ערשטער סאָרט,
געלע זאַפטן,
בעקלעך — רויט,
מיט א זון־שייַן
אַף דער הויט...

ווען זי טוט דעם בוים א טרייסל, פאַלן פלוימען אינעם קויש,
און די פלוימען־ביימער רוישן מיט א יאָמטעוודיקן רויש,
פלוימען — סאַמעט,
לופטיק־זיס,
פאַלן פלינק
צו ריוועס פיס.

ווילט זיך ריווען, גאָלד פון פערשקעס זאָל א פינקל טאָן אין סאָד,
טוען פערשקעס, געלע פערשקעס, פון די ביימער זיך א שאָט,
פאַלן פערשקעס
גאַנצע בערג,
ווערט אַזש געל און ברוין
די ערד.

ווילט זיך ריווען, אַז אין דערפל זאָל א גוטער וויַנשטאָק זיַין,
אַז דער וויַנטרויב אין די הענגלעך זאָל זיך מינען אַף דער שייַן,

וועלנ ווײַנטרויבנ
שוינ זײַנ,
אונ פונ ווײַנטרויבנ
ווערט ווײַנ.

הייבנ ייִנגלעכ אופ די קויסעס, אונ מע טרינקט פאר ריווע טוועד
רויטנ ווײַנ פונ אירע טרויבנ, וואָס איז זיסער נאָכ פונ מעד.
באָדט די זונ זיכ
אינעמ גראָז,
פאלנ שטראלנ
אינעמ קאָס.

קומענ געסט איר מי פארזוכנ אונ באקענענ זיכ מיט איר,
אונ איר מאמע פײגע־לײע עפנט אופ פאר זײ די טיר:
— גוטע מענטשנ,
קומט ארײַנ!
ס'וועט מײַנ ריווע
גיכ שוינ זײַנ! —

אפ דער וואנט אינ ריוועס צימער הענגט מיטשורינס בילד פארבענקט—
ס'האָט דער זיידעניו מיטשורינ נאָכ אמאָל עס איר געשענקט.
ס'קוקט מיטשורינ
פונ דער וואנט
מיט אנ עפל
אינ דער האנט.

שווימענ שאָטנס — איז א סימענ, אז אינ דרויסנ איז שוינ שפעט,
הילכט א לידל — איז א סימענ, אז עס גייט שוינ ריווע טוועד.
אויגנ — פלוימענ,
צעפ — קאשטאנ,
מיט א טענצל
אינעמ שפאנ.

7—1924

דאָס בערעזענע געזינדל

ווען כ׳דערמאָן זיך דאָס בערעזענע געזינדל
בא דעם שפּאָלער טײַכל לעבעדיג,
טוט די קינדהײַט פאר מײַן אויג א שווינדל,
און עס ציט מיך נאָכאמאָל אהין...

צום בערעזענעם געזינדל צו דעם שטילן,
ווו כ׳האָב אָפּט די טעג מײַנע פארבראכט,
העט אהינצו, ווײַטער פון די מילן
שטייט זיך דאָס געזינדל טאָג און נאכט...

טאָג און נאכט באזונדער און אינײנעם
שטייען זיי, ווער יונג איז, און ווער אלט,
און עס לערנען זיך בא זיי די שכײנים
ווי צו זײַן באזונדער און אינײנעם,
און מיט קינע קוקט אַפּ זיי דער וואלד...

טאטע-מאמע שטייען איינס לעם צווייטן
און מע פּלאפּלט זיך פון גאָרניט טאָן,
אין א קאפּעליוש א גרינעם און א ברייטן
שטייט דאָס עלטסטע זינדל אויבנאָן...

אין א גרינעם מאנטל שטייט דער פעטער,
די פּלימעניקעס געפעלן אים ביז גאָר,
טרייסלט ער דעם קאָפּ מיט גרינע בלעטער,
נאכעס קלײַבנדיק פון יונגן דאָר...

און די קינדער, איינס פון צווייטן קלענער,
דינינקע בערעזקעלעך א סאך.
ניט וויסנדיק, אז מ׳איז ניט מער ווי שפּענער,
זיי בייגן זיך ווי טענצערנס צום שליאך...

ווײַסע פּאַרטעכלעך צעווייען זיך, צעווייען,
ווײַסע גאָרטעלעך פאַרגאַרטלען זיי ביז דר׳ערד,
ס׳איז דער טאַטע הויך און גראָב פאַר צווייען,
טרייסלט ער מיט זײַנע זיבן בערד...

קוקט די מאַמע אַפּ איר גוטס און פרייט זיך,
מיט די בלעטער טוט זי לינד א ווײ,
ס׳וואָלט די מאַמע זיי געגלעט, פאַרשטייט זיך,
קאָן זי זיך ניט אָנבייגן צו זיי...

ווען כ׳דערמאָן זיך דאָס בערעזענע געזינדל
בא דעם שפּאָלער טײַכל לעבעדיק,
טוט מײַן קינדהײַט נאָכאַמאָל א שווינדל
און עס ציט מיך נאָכאַמאָל אהיין!..

די מאַמע פּרעגלט אײַנגעמאַכטס

דער גאַנצער הויף גייט כאָדאָראָם,
דער ווינט צעבלאָזט דאָס פײַער,
דאָס בלוט אין אַלע אָדערן
יאָגט פריילעכער און פרײַער...

די מאַמע פּרעגלט אײַנגעמאַכטס.
פון מאַלענעס, ווי סאַמעט,
איך שטיי לעם איר אַן אײַנגעדאַרטס,
געבויגן ווי אַ לאַמעד.

איך שטיי לעם איר אַן אײַנגעקוואַרטס—
נאָר אָדערן און ביינער,
די מאַמע פּרעגלט אײַנגעמאַכטס,
און איך בין נאָך אַ קליינער...

די שוועסטערלעך און ברידערלעך
באַלאַגערן די שיסל,
אין לאַטקעלעך די פלודערלעך,
די קליידעלעך צעריסן...

אַזויפיל שיינקײַט האָבן זיי,
די מאַלענעס... אַ כײַעס!
די מאַמע נעמט אַראָפּ פון זיי
די גרינע שמאַטעלײַעס.

און יעדע פּוכקע מאַלענע
מיט זאַמדצוקער באַשיט זי,
און נאָר אַראָפּגעפאַלענע
די קינדער אירע גיט זי...

מיר שטייען און באַלעקן זיך,
מיר שטייען אַלע אײניק,
מיר ציטערן, מיר עקן זיך,
זיי פאַלן אַזוי ווייניק...

זיי פאַלן ניט, זיי פאַלן ניט,
אָט וואַרט שוין די טרעני׳זשקע,
מיר שמעקן נאָר די מאַלענעס,
די זאַפטן און די פּרישקייט...

מיר קוקן ווי פאַרגאַפט אַף זיי,
אַזעלכע און אַזוינע,
יעדיכטער ווערט די זאַפט אין זיי,
די בעקלעך ווערן ברוינע...

. . . .

מיר כראָמקען די פּיפּאַליקעס
מיט קנאָבל אַלטן, שאַרפן,
און ערגעץ שטייען מאַלענעס:
— לעוויי מע זאָל ניט דאַרפן!

צו דער איינ־און־איינציקער

כ׳דערקענ זיכ אָפט, ווענ כ׳קוק אפ דיר.
כ׳דערקענ מײַנ אָפּהילכ אינ דײַנ קאָל,
אינ צעפּ אינ דײַנע — מײַנ קאָליר,
אינ דײַנע אויגנ בלאנקט מײַנ שטאָל...

איכ בינ דאָכ איכ, און דו ביסט דו,
נאָר כ׳פיל מײַנ שטרענגקײַט אינ דײַנ דראנג.
פונ וואָס איכ טרוימ, און וואָס איכ טו —
איז דאָ דײַנ אומרויִקער גאנג...

מיר וויסנ ביידע שוינ דערפונ:
דו ביסט מײַנ שאָטנ און מײַנ זונ,
דו ביסט מײַנ ראנגל און מײַנ רו,
ווײַל דו ביסט איכ, און איכ בינ דו!

צוויי פליגל האָט די קלאָרע טויב.
מיט איינעמ — האָט א ווערט איר פלי?
צוויי הענט האָב איכ. די הענט — א לויב!
מיט איינער — האָט א ווערט מײַנ מי?

צוויי ראנדנ האָט דער גלײַכער וועג,
איינ שטילקײַט האָט די גרויסע רו,
צוויי אויגנ — דאָס איז מײַנ פארמעג:
איינ אויג — בינ איכ, דאָס צווייטע — דו!

סטעפּ

כ׳לויף — אַווינט, אַ דולער דורכן סטעפּ,
רײַסט דער ווינט דאָס קאָרן פֿאַר די צעפּ,
בלאָנדער קאָרן,
קאַלטע קלאָרן,
סטעפּ.

אויף אַ רעגנבויגן רײַטנדיק איך פֿאָר,
און איך פֿריי זיך, ווי צו מײַנע יאָר,
רעגנבויגן
מעג זיך בויגן,
כ׳פֿאָר.

מיט די בליצן טראָג איך זיך געשווינד,
גוטע בסורעס שיק איך מיטן ווינט,
ס׳קומט אַ רעגן,
סטעפּ אָן ברעגן,
ווינט.

בלענדט אַנטקעגן מיר די זון-רויז, בליט,
דער קוריי צו מײַנע פֿאָלעס ציט,
פֿון די וועגן
אַלץ אַנטקעגן
פֿליט.

הוילע שטרעקעס ליגן אַרום מיר,
און קיין דאַך ניט, און קיין שוועל ניט, און קיין טיר,
וואָלקן-שטיבער
הענגען איבער
מיר.

דורך די ווײַטן טוט אַ פֿײַערל אַ בלענד,
לאַנגע וועגן ציִען אויס צו מיר די הענט,

און דער רעגן
מיר אנטקעגן
בלענדט.

כ'זע: א גלעזערנער א פאלאַץ פאלט,
ביימער גלעזערנע — א הויכער קלאָרער וואלד,
ס'איז דער רעגן
אפ די וועגן
פאלט.

פלוצלינג טוט אַן עפן זיך א טיר,
ס'לויפט ארויס א מיידל קעגן מיר,
וויפל פריידן
טראָגט דאָס מיידל
מיר.

וועקנדיקע ווארעמקייט פון הענט,
אין א טרוקן לייוונטענעם העמד
דורכן רעגן
וועקן, רעגן
הענט.

כ'הייב אָן זינגען אינעם רעגנדיקן סטעפ,
זאָלן ווערסטן וויסן, אז איך לעב,
אפ די וועגן
איך און רעגן,
סטעפ...

שווימט ארום אָסקאר אווילד

שטיל און רויִק, ניט געאיילט
שווימט ארום אָסקאר אווילד.

אפּ די וואָלגע־כוואַליעס שווימט ער,
אָט דער דיכטער דער בארימטער...

אז ער לעבט שוין גאָר ניט מער,
ווי זשע קומט ער איצט אהער?

איז ווי קאָן ער, ווי מיט פריינט דאָ,
מיט די כוואַליעס איצטער זיין דאָ?

ס'איז א סאָד דערביי פאראן,
ס'איז א גרויסע שיף געגאן

איבער וואָלגע־וואסער קלאָרן,
אפּ דער שיף בין איך געפאָרן

מיט מיין טאָכטער, מיט מיין פרוי,
איך דערצייל עס אלץ גענוי,

וויל געזען האָב איך עס איינער
(זאָל מיר מוחל זיין דער לייענער):

ס'איז געווען אין יענער צייט,
וואָס איז נאָ'נט און זייער וויט,

מ'איז אפּ לוסט־רייזעס געפאָרן,
ס'איז געשען אין יענע יאָרן...

...גייט די שיף זיך לייכט אזוי,
און פון אויבן זיצט מיין פרוי,

בא די זייטן שווימען ברעגן,
דאָס איז אלץ פונירעטוועגן...

זיצט זי רויִק, ניט געײַלט,
און זי לײַ׳נט אָסקאר אױַלד.

און זי האלט אים אין איין מישן,
און ער טוט דאָס הארץ איר פרישן...

עס לעבט אופ אין ווײַנ, אין טענצ
די טראגעדיע פונ פלאָרענצ...

וויל דער ווינט פונ גאָרניט וויסנ,
די טראגעדיע אויסגעריסנ...

און אינ וואסער, ניט געײַלט,
שווימט ארום אָסקאר אױַלד.

שווימט פונ ניזשני קיינ סאמארע,
מאכנ כוואליעס אים א וואָרע.

און די ברעגנ, ווי עס פאסט,
נעמענ אופ דעם פײַנעם גאסט...

כ׳האָב געוואָלט אינ טײַך זיך ווארפנ,
כ׳וועל אױַלדנ נאָך באדארפנ...

נאָר געוועזנ בינ איך דאנ
ניט קיינ ריטער, נאָר א מאנ...

איז די שיִפ אוועקגעפאָרנ,
און אפ וואָלגע-וואסער קלאָרנ

שטיל און רויִק, ניט געײַלט
שווימט ארום אָסקאר אױַלד...

גוט איז, וואָס אפילע ער
קומט פונ לאָנדאָנ אָט אהער.

זאָל ער אונדזער טײַך באקוקנ
און צו ראזינע זיך בוקנ.

א סענטימענטאַלע באַלאַדע

עס קושן זיך צוויי טײַבעלעך,
אַף צווײַגעלעך באַגילט...
עס קושן זיך צוויי טײַבעלעך,
אין זומער-שײַן געהילט...

די בלעטער-שכייניםֿ סוידען זיך
און פּליאַטקעווען דערבײַ,
עס קושן זיך צוויי טײַבעלעך,
און דאָס איז שוין ניט נײַ...

זיי קוקן אין די אויגן זיך,
אין ביידע הערצלעך שפּילט.
א יעגער קומט אין גרינעם סאָד,
א הייב די ביקס און צילט...

צעוויינען זיך דיביימעלעך,
און בלאַט נאָך בלאַט עס פאַלט.
צעוויינען זיך די פייגעלעך:
— מע וועט אונדז שיסן באַלד!..

דער יעגער שטייט א ווײַלע נאָר,
ער טוט א הייב דעם קאָפּ,
ער זעט די שטילע טײַבעלעך
און לאָזט די ביקס אַראָפּ...

דער יעגער שטייט פאַרשעמט אזוי,
ער איז פון בושה רויט:
ווען ס'קושן זיך צוויי טײַבעלעך —
באַדאַרף מען ניט קיין שרויט...

וואָס איז לאַנגווײַל

— וואָס איז לאַנגווײַל?—פרעגט דער פויגל,
און ער זינגט פאַר זיך אַליין,
סאָסנעס טוען זיך פאַרנייגן
פאַר זײַן זינגענדיקן כיין.

שלאַנקע דעמבן שטעלן אונטער
צווײַגן וואַרעמע ווי הענט,
און דער וואַלד איז אַ צעזונטער,
און אַף ביימער-שפּיצן ברענט...

און עס קומען פייגל שכיינים,
און מע פּלאַפּלט אָן אַ שיר,
און מע זופּט מיט פּיסקלעך קליינע
פון דער לופט דעם בלויען ביר.

ס'גייען כאַסענעס און ליאַמעס,
און דער וואַלד ווערט פול מיט געסט,
יונגע פויגלען ווערן מאַמעס,
ס'צוויטשעט קליינוואַרג, ווו אַ נעסט...

ווערט אַלץ נימעס — איז געפלויגן,
איז געגעכטיקט אַף אַ שטיין...
— וואָס איז לאַנגווײַל?—פרעגט דער פויגל,
און ער זינגט פאַר זיך אַליין...

פון מײַן באָבעס װיגלידער

אײַ-ליו-ליו-ליו-ליולינקע,
שלאָף זשע, מײַן זאָזולינקע,
אין א װאלד א גרינעם,
װױנט דער בלינדער בינעם,
אין א װאלד א בוקענעם,
אפ א דאך א טרוקענעם,
אָפּגעשיט מיט בלעטער,
אלע קינדער זעט ער,
אין א רויך א דינעם,
זיצט דער בלינדער בינעם,
מיט אזוינע ליפּן,
מיט אזוינע אויערן,
הייבט די נאכט אָן כליפּען,
עפנט ער די טויערן,
בלאָנקעט מיט די סטעזשקעס
און די נאכט דערשראָקן
לייגט אפ זײַנע זאָקן
ל׳וואָניקע מערעזשקעס...

רײַטנדיק אפ שרעטעלעך,
פאָרט ער איבער שטעטעלעך,
װער ס׳פארמאכט די אייגעלעך,
יענעם גיט ער בייגעלעך,
באָקסערן און טייטלען
גוטע קינדער טיילט מען,
אייערדיקע קיכעלעך,
און אפ װײַסע טיכעלעך
פירט מען זיי זיך שיפן
איבער יאמען-טיפן,

איבער יאמענ ציכטיקע,
איבער אינדזולענ ליכטיקע,
דאָרט, ווו אינעם שאָטנ
וואקסט שוינ לאנג, קיינאָרע ניט,
הויכער לעקעכ קאָרענער
מיט קישמיש באשאָטנ...

אײַ-ליו-ליו-ליו-ליולינקע,
שלאָפ זשע, מײַנ זאָזולינקע,
פונעם וואלד דעם ווײַסנ
קומט א בער א קײַסנ,
ווער סע שלאָפט ניט — עסט ער,
נאָר ווער ס'איז דער בעסטער,
ברענגט ער אימ א בערעלע,
סאמעטענע הערעלעכ,
פליוש אפ זײַנע פיסעלעכ,
אייגלעכ ווי די ניסעלעכ...
גיכער אייגעלעכ פארמאכ,
ס'קלאפט דער יאסטער אינעמ דאכ,
מיט די גרויסע פליגל
פאָכט ער אפ דײַנ וויגל...

גיי! גיי! גיי אוועק,
אונדזער ליולינקע ניט וועק!
שא!

שפּאַנען מיר דעם שליטן!

שיטן שנייען, שיטן,
שפּאַנען מיר דעם שליטן,
פערדלעך, ווי די רוכעס,
טראָגן אונדז און טראָגן —
הונדערט זאווערוכעס
מעגן נאָך אונדז יאָגן...

אויבן שווימען כמאַרעס,
אונטן ווינטן שמאַרצן,
פעלצן זײַנען וואַרעם,
גרינג איז אפן האַרצן!

און די פעלדער לויפן...
שטעטלדיקע הויפן
ווערן קליין און קלענער,
ווערן ווײַט און ווײַטער,
און די שנייען ברענען,
ווי א ווײַסער שײַטער.

לויפט פאַרבײַ א כוטער
אין א שנייען-פוטער,
לויפט פאַרבײַ א צווייטער
אויכעט א פאַרשנייטער...

און לעם יעדן הײַזל
וואַקסן ווײַסע בלומען,
אין א וואַלד א ווײַסן
זײַנען מיר געקומען!

עפּענעז זיך טירן
אַף די וועלדער-וועגן,
רויטע קאָמאַנדירן
גייען אונדז אַנטקעגן!

פרעגן אונדז די העלדן
מיט אַ קאָל אַ ווייכן,
און די כעוורע מעלדן:
— נאָר אַף אויסגעצייכנט!

טוט אַ לאַך דער וויכער
מיט אַ קאָל אַ שווערן:
— צו דער אַרבעט גיכער,
וואָס איז דאָ צו קלערן!

מישע באַ די ביכער
שטייט און מישט די זײַטן.
און אין דרויסן מאָטל
זיצט שוין אינעם זאָטל,
לערנט זיך שוין רײַטן —
און דאָס צוימל בליאַסקעט...
דאָרע מעסט די מאַסקע.

ווינטן רוישן זייער,
און דעם שניי זיי כראָמקען,
און אַ רויטאַרמייער
שפּילט אין שאָך מיט סיאָמקען.

יאַנקל איז מעקאַנע,
ס'טוט אים שטאַרק פאַרדריסן,
וואָס די קליינע כאַנע
קאָן שוין בעסער שיסן!

קומט דער אָוונט אָנעט
מיט אזא לעוואָנע,
סאמע אינדערמיטנ
שפאנענ מיר דעם שליטנ.

פערדלעכ ווי מיט פליגל!
שנייִקע פאפאכעס
אפ די כאטעס ליגנ.

אונ אפ יעדנ שליאכ איז
פריילעכ אונ לעוואָניק,
אונ עס שמעקט מיט האָניק...

זײַט געזונט, כאווײרימ,
נעמט מיט זיכ די בלומענ,
זײַט געזונט, כאווײרימ,
מירנ ווידער קומענ!

אונדזער לאָשעק

— לייזער! — זאָגט דער טאַטע, —
פיר דעם לאָשעק פּויען,
גיב דעם לאָשעק וואַסער,
קלאָרער פון די טויען!

— גוט! — זאָג איך צום טאַטן, —
כ'פיר דעם לאָשעק פּויען,
כ'וועל אים געבן וואַסער
פונעם טײַך דעם בלויען.

— לייזער! — זאָגט דער טאַטע, —
גיב דעם לאָשעק פּיקן,
זאָלסט אים געבן האָבער,
נאָר פון די אנטיקן!

— גוט, — זאָג איך צום טאַטן, —
כ'וועל אים געבן קלײַען,
כ'וועל אים געבן האָבער,
ער וועט מירטשעם קײַען!

— לייזער! — זאָגט דער טאַטע, —
וואַש אַרום דעם לאָשעק,
זע נאָר, ווי זײַן פעל איז
קויטיק, פאַרפּאָראָשעט...

— גוט! — זאָג איך צום טאַטן, —
כ'וועל צום קוואַל אים פירן,
און זײַן ווײַסע פעל וועט
שנייִק שעמערירן.

— לייזער! — זאָגט דער טאַטע, —
ווו איז די פּאָפּאָנע?
כ׳וויל דעם לאָשעק שיקן
קלימען א מאַטאָנע.

— גוט! — זאָג איך צום טאַטן, —
עפן אלע טירן!
כ׳וועל נאָך היינט צו קלימען
אונדזער לאָשעק פירן!

שוואַנען

שווים איך מיט די שיפן, פאָר איך מיט די באַנען —
קומען מיר אין כאָלעם שווימענדיקע שוואַנען.

אָזעריס פון שטילקייט קומען מיר אַנטקעגן,
שווימענדיקע שוואַנען אויף די וואונדער־ברעגן.

ווערבעס און בערעזעס אין דער גלאַט זיך שפּיגלען,
און מײַן יוגנט פלאַטערט אויף די שוואַנען־פליגלען.

אין די שטאָלצע העלדזער איז מײַן טרוים פאַרזויגן,
און מײַן קינדהייט טוקט זיך אין די שוואַנען־אויגן.

קומט דער ווײַסער ווינטער — וויוגעס און בוראַנען,
דאַכט זיך, אַז עס פליִען פעדערן פון שוואַנען.

עפשער איז די עלטער זיי דעם וועג פאַרלאָפן,
עפשער האָט אַ יעגער זיי אין האַרץ געטראָפן.

ווען עס זאָל די עלטער שטעמפּלען זיי מיט יאָרן,
וואָלטן זיי די ווײַסקייט זייערע פאַרלאָרן.

ווען אַ בייזער יעגער זאָל געווען זיי שיסן,
וואָלטן רויטע טראָפּנס פון די הערצער פליסן.

שווים איך מיט די שיפן, פאָר איך מיט די באַנען —
און אין כאָלעם קומען שווימענדיקע שוואַנען.

סאָנעט

ניט יעדער איינער האָט זײַן וועג ברוקירט,
ניט יעדער איינער האָט זײַן וועג געקנאָטן,
עס האָבן גרייטע סטעזשקעס זיי פאַרפירט,
עס האָט געשטעמפּלט זיי אַפּ שטעג־און־וועג דער שאָטן.

דערפאַר איז זיי ניט אַלעמאָל געראָטן
דאָס אַלץ, וואָס זיי אַליין האָבן געבירדט,
דערפאַר האָט זייער אומרו ניט גערירט,
און פרישקײַט איז פון שטענדיק זיי פאַרבאָטן...

זיי זינגען שטענדיק, ווי לויט פרעמדע נאָטן,
און בליאַסקען, ווי מיט שפּילעכלעך באַצירט
און ווי מיט לאַק מיט ביליקן באַשמירט...

ס׳וועט בלײַבן אַפּ דער ערד דורך קיינעם ניט צעטראָטן
נאָר דער, וואָס האָט אַליין דעם וועג ברוקירט,
נאָר דער, וואָס האָט אַליין זײַן וועג געקנאָטן!

איך זאָג עס קלאָר

איכ פלעג אימ שעצנ זייער ביליק,
דעמ הויכנ ווייטעקדיקנ דאָרשט,
ווײַל בלויז א נאר פארקויפט זײַנ פריילינג
דעמ טײַוול פאר א טאָפּ מיט באָרשטש...

איכ זאָג עס קלאָר! כ׳האָב ניט פארשטאנענ
דעמ שטענדיק זוכנדיקנ בליק,
איכ פלעג אימ זענ אינ רויש פונ באנענ,
בא ווענטלעכ פונ א פוסטנ בריק.

ווי האָט עס גאָר געקאָנט פאסירנ,
אז ס׳זאָל דער לײַכטזינ ווי א קאט
אזא ווי איכ צום אָפּגרונט פירנ, —
ער האָט קיינ מאזל ניט געהאט!

איכ האָב אימ לאנג פונ זיכ געטריבנ,
נאָר אויסגעקלאָרט האָב איכ פאר זיכ,
אז עפּעס-וואָס, וואָס כ׳האָב געשריבנ,
האָט ער געשריבנ, אונ ניט איכ...

ווי נאכט-געשפּענסטער אפנ צווינטער
האָב איכ דעמ וויל-יונג פײַנט געהאט,
וואָס איידער נאָכ ער זוכט — געפינט ער,
אונ ביז ער שעפּט — איז ער שוינ זאט!

דער רעגן און דער שטויב

דער רעגן לעשט די שײַטערס פֿונעם שטויב,
די הויכע, גרויע, שוימענדיקע שײַטערס,
און וואָלקנס שווימען רויִק, לאַנגזאַם, טויב
ווי מעלקנדיקע קי מיט פֿולע אײַטערס...

דער שטויב, וואָס האָט אָפּ מײַלן זיך צעווייט,
ליגט שוין אַ רויִקער, מיט רעגן אַ פֿאַרמישטער,
און דאָרט, ווו ס׳האָבן ווינטן זיך געדרייט,
גייט אויף דער טאָג אָפּסנײַ אַן אָפּגעפֿרישטער...

דער שטויב, וואָס האָט די אויגן מיר געקלעפּט,
וואָס האָט פֿון שײַטערס גרויע געהויבן זײַנע צונגען,
האָט שוין זײַן לעצטע גרויקייט אויסגעשעפּט,
עס האָט זײַן דראַנג אין רעגנס אָפּגעקלונגען.

און זײַנע שײַטערס האָבן זיך אוועקגעלייגט
באַזיגטע און פֿאַרלאָשענע אויף וועגן,
ער האָט געווייט, ביז ס׳האָט אים ניט צעווייקט
דער קאַלטער פֿלייץ פֿון שטורעמדיקן רעגן...

וואָס איז דער שטויב? נאָר מאַלע, וואָס ער פֿליט,
נאָר מאַלע, וואָס ער דרייט זיך אויף די שליאַכן,
נאָר מאַלע, וואָס ער שפּרייט זיך אויפֿן צוויט
און טוט זיך דאָרטן נאָך אַזוינע זאַכן...

אַן ערשטער טראָפּן טוט אַ קלאַפּ אין שויב,
און ס׳פֿאַלט דער שטויב אַראָפּ פֿון שויב דערשראָקן,
אָט דאָס איז ער, דער גוירל פֿונעם שטויב,
ווען ס׳פֿלייצט דער רעגן איבער אַלע שטאָקן...

א שעמעוודיק מיידל

דאָס מיידל, וואָס שיילט די קארטאָפל,
געפעלט מיר ביז גאָר,
איר בליק, וואָס איז עטוואָס פארשלאָפן,
די פלאַקסענע האָר.

קאַראַמיסלעס צוויי — אירע ברעמען,
די לעקלעך — ווי גלעקלעך, ווי ניס,
דאָס ווינטל, דער רועך זאָל עס נעמען,
אנטבלויזט אירע פיס.

זי שיילט די קארטאָפל מיט סייכל
אוןווארפט זיי אין טאָפּ,
און ווען זי דערזעט נאָר מײַן שמייכל,
באהאלט זי איר קאָפּ.

באהאלט אים אין טיכל... פון וועמען?
פון מיר אפּ געוויס...
דאָס ווינטל, דער רועך זאָל עס נעמען,
אנטבלויזט אירע פיס.

וואָס שעמט זיך פאר מיר אָט דאָס מיידל
מיט פלאַקסענע האָר?
אפילע דאָס ציצענע קליידל
געפעלט מיר ביז גאָר...

זי טוט די קארטאָפל א רייניק,
די שאָלעכץ אראָפּ,
זיי טוען ווי טײַבעלעך קליינע
א פלי אינעם טאָפּ.

וואָס דארפ זי, מײַנ מײדל, זיכ שעמענ?
נאָר אלצ וואָלט שוינ גוט געווענ, ביז...
דאָס ווינטל, דער רועכ זאָל עס נעמענ,
אנטבלויזט אירע פיס.

איכ ווייס ניט, וואָס בינ איכ דאָ אויסנ,
איכ שטיי לעמ דער אָפענער טיר,
זי קוקט אפנ טאָפ אפנ גרויסנ,
זי קוקט ניט אפ מיר...

איר בליק איז שוינ גאָר ניט פארשלאָפנ,
איכ פיל, ווי פארטײַעט ער ברענט,
וואָס פאלנ אפ דר'ערד די קארטאָפל
פונ מיידלשע הענט?

גענוג שוינ קאטאָוועסלעכ טרײַבנ,
זיי פאלנ אפ דר'ערד אָנ א שיר,
אצינד איז מיר גוט: כ'וועל זיי קלײַבנ
אינײנעמ מיט איר.

כ'האָב ווידעראמאָל ניט געטראָפנ.
זי זאָגט: זי וועט קלײַבנ אלײנ,
איכ האָב ניט געזענ, אז קארטאָפל
זאָלנ זײַנ אזוי שיינ...

זיי ווערנ נאָכ טויזנט מאָל ליבער,
ווענ זי טוט זיי די מאנטעלעכ אויס,
איכ טו זיכ א הייב, ווי א גיבער
אונ... רוק זיכ ארויס...

— וואָס זאָל מענ צומ פרישטיק דיר שטעלנ?—
מע פרעגט מיכ... איכ הער...
— מיר זײַנענ קארטאָפל געפעלנ —
קארטאָפל. ניט מער!

די זון פארגייט

די זון פארגייט אונטער די סטויגן,
די זון פארגייט.
איך זע שוין קלאָר אין דײַנע אויגן:
די זון פארגייט!

עס פאלט אף אונדזער סאָד א נעפל,
די זון פארגייט.
און ס'ווערן טונקעלער די עפל,
די זון פארגייט!

און אלע טײַכן ווערן גרויער,
די זון פארגייט.
דער אָוונט קלאפט שוין אינעם טויער:
די זון פארגייט!

איז קום אין וואלד ארײַן אין שווארצן,
די זון פארגייט.
איז דריק זיך שטארקער צו מײַן הארצן,
די זון פארגייט.

עס ווערט די ערד מיט פײַכטקײַט זעטער,
די זון פארגייט.
די לעצטע פונקען אף די בלעטער,
די זון פארגייט.

זי איז פארגאַנ אונטער די סטויגן,
די זון, די זון...
ווי קומט זי איצט אין דײַנע אויגן,
די זון, די זון?

שוואָמען

סטעזשקעלעך בערעזענע,
היטעלעך אַף שוואָמען,
אַלע פֿלינקע העזעלעך
ווייסן שוין מײַן נאָמען.

כ'וויל אין שטוב ניט בלײַבן,
גיי איך שוואָמען קלײַבן.

שטייען זיי אין היטעלעך,
וואַרטן בײַ די וועגן,
עך, ווי שיין צעצוויטען זיך
שוואָמען נאָך אַ רעגן.

ווען די רעגנס שטראָמען,
ווערן פֿול די שוואָמען.

צווישן גראָז און גרעזעלעך
שוואָמען כ'האָב געקליבן,
סטעזשקעלעך בערעזענע
קאָנען שוין מײַן ליבן.

גיין אין וואַלד אין שײנעם
פֿלעגן מיר אײנײנעם...

וואָס פֿאַר שטויבן פֿאַלדעוועך
איבער סטעזשקעס פֿריִע,
זע איך: אינעם וואַלד אַרײַן
פֿליט די רײַטעריִע.

איך דערזע פֿון ווײַט דאָרט,
ווי מײַן ליבער רײַט דאָרט.

אַלע ביימער וויטען זיך,
וויטען זיך מיט ניאָמען,

פֿון מײַן קויִשל שיטן זיך,
שיטן זיך די שוואָמען.

ווען די שוואָמען שיטן זיך,
פֿאַלן אָפּ די היטעלעך.

ניאָמע האָט א שפּרונג געטאָן
פֿון זײַן פֿערד דעם גרויען,
אפּ די ווײַס־ווינקעלעך
פֿינקלען נאָך די טויען.

אפּן רויטן שטערן
פֿינקלען זיי ווי פּערל...

אוי, די שוואָמען פֿאַלן שוין
ווידער אין מײַן קוישל,
נאָר טרומייטן שאַלן שוין,
און די טלאָען רוישן.

רײַטער אפּ די וועגן:
שוואָמען נאָך א רעגן!

צו א בוים

איך בוי מיר אויס א הויז,
און מעג עס זײַן ניט גרויס,
ניט גרעסער פון א פאס,
נאָר כ׳האָב א ווונטש דערבײַ,
ס׳זאָל האָבן פענצטער דרײַ,
און אלע צו דער גאס...

דורך איינעם וועל איך זען
די זון אין סאמע ברען,
וואָס קומט אלע גאנצפרי.
דאָס צווייטע דארף איך בלויז,
ווען ס׳פליט פארבײַ מײַן הויז
מײַן טײַבעלע, מײַן זי...

דאָס דריטע פענצטער מײַנס
זאָל זײַן א גרויס, א פײַנס,
איך דארף עס פאר דער גאס.
איך נעם אין זיך ארײַן
איר וואָלקן און איר שײַן,
איר ליבע און איר האס.

ברודער מײַנער...

ברודער מײַנער, שלאַנקער טאָג,
כ׳האָב צו דיר געווענדט מײַן שפּאָן,
ניט דערפאַר, וואָס דו ביסט שלאַנקער,
פון די שלאַנקסטע אינעם וואַלד,
איך פאַרוואַרף נאָך איצט מײַן אָנקער,
ווו איך וויל!
איך בין ניט אַלט,
אַז דײַן אַלטקייט זאָל מיך ציִען
מיטן רייעך פון דײַן מאָך,
ניט די גרין פון דײַנע וויִעס,
ניט דער נאָדלדיקער שטאָך
האָט צו דיר מיך צוגעצויגן,
כ׳בין שוין גאָר ניט אַזוי שלעכט,
איך זאָל שטעכן ניט געשטויגן,
ניט געפלויגן, אומגערעכט...

אויב איך שטיי איצט און באַוווּנדער
דיך, מײַן טענענבוים, דערשטוינט,
איז דערפאַר, וואָס ס׳האָט די זון דיך
מיט דער אייביקייט געקרוינט.

איז דערפאַר, וואָס קיינע האַרבסטן
קענען ענדערן דײַן פאַרב,
טראָגסט דאָס לעבן אין דײַן האַרצן,
כאָטש דער ווינטער שרײַט דיר: שטאַרב!

ס׳קומט דער פראָסט אין אַלע וועלטן,
ס׳קומט דער גרויזער ווינטער-ווינט.
און ווען אַלעביימער וועלקן,
שטייסטו זומערדיק צעגרינט!

דער אָנהייב פון א ליבע

די זון האָט זיך באהאלטן.
דער דרויסן זאָגט: אפ לאנג,
עס שיקט דורך אלע שפּאלטן
דער רעגן זײַן געזאנג.

דאָס ווינטל העלפּט אים מונטער
און פֿײַפט א פֿײַפערײַ,
דאָס וועלדל האלט זיי אונטער
און מורמלט צו דערבײַ...

ס'איז נאס דאָס גרינע העמדל,
פון בלעטער קאָפּ און קאפּ,
און ס'שטייט אונטער א דעמבל
אן אומעטיקער צאפּ...

אפ סטעזשקעס שפּאנט ניט קיינער,
דעם צאפּ איז זייער קאַלט,
דער צאפּ איז דאָ נאָר איינער,
אליין אין גאנצן וואלד...

די באָרד—כאָטש אויסצודרייען,
די הערנער זײַנען נאס,
אין אויגן טרערן שטייען,
דער באָכער איז אין כּעס...

ער קוקט אפ אלע וועגן,
און נימעס ווערט אים אלץ,
און שווערער ווערט פון רעגן
דאָס שטריקל אפן האלדז...

אַרום איז זייער מלאָסנע,
דער וואַלד איז ווי א וויג,
עס שטייט אונטער א סאָסנע
אַן אומעטיקע ציג.

זי מעקעט מיט א מידער,
א מילעכיקער שטים.
דער צאַפּ איז איר דערווידער,
זי קוקט גאָר ניט אַף אים.

געוואָלט א „מע" אים שיקן —
זי קאָן אים ניט, צי וואָס?
איז פאַלן אירע בליקן
אין כליפּענדיקן גראָז...

זי האָט אים אין דער סטאַדע
באַגעגנט אָן א שיר,
ער זעט זי ניט אַוואַדע,
ער קוקט גאָר ניט אַף איר...

ער מעג שוין גאָר ניט פרעגן,
עס טוט אים זייער וויי,
וואָס אַרט זי, וואָס דער רעגן
פאַרמעסט זיך איצט אַף זיי...

דער צאַפּ איז לאַנג געשטאַנען,
געטרייסלט מיט א ליפּ.
לעסאָף האָט ער פאַרשטאַנען:
ער האָט שוין לאַנג זי ליב...

ס'האָט אים שוין לאַנג געצויגן
איר מעקען און איר שטעל,
די גרינקייט פון די אויגן,
די ווייסקייט פון איר פעל...

וואָס קענ ער דאָ באווײַזנ?
א קוק אמאָל א כאפּ,
א הארצ איז ניט פונ אײַזנ
אפילע בא א צאפּ.

זיי טרייסלענ מיט די שטריקלעכ —
א סאכ איז זיי באשערט,
זיי זײַנענביידע גליקלעכ
ווי קיינער ניט אפ דר׳ערד!

כאָטש גאָדלענ זיי באַשיטנ,
כאָטש שטריקל זיי פּארקלעמט,
כאָטש ס׳שטייענ אינדערמיטנ
דרײַ סאָסנעס מיט א דעמב...

ער זאָגט צו איר: — ציגאנע!
— צאפּוניע! — זאָגט זי, — טרוים!
דער ווינט איז זיי מעקאנע
אונ קושט זיכ מיט א בוים!

קיינ קאשעס כ׳בעט ניט פרעגנ:
אינ אָט דעמ שיינעמ שפּאס
איז שולדיק בלויז דער רעגנ
דער נימעסער אינ גאס.

הארבסט

א

יאָסיע, יאָסיע,
אינ דריוסנ איז שוינ אָסיענ,
נעמ די מאנדאָלינע
שטיל, שטיל.
פעלדער ווערנ גרויע, הימלענ ווערנ גרינע,
שפיל.

רוענ שוינ די שניטער,
אונ דער רעגנ מראקעט,
הוילע זײַנענ פעלדער,
נאקעט, אָדאָמ-נאקעט,
לעצטע סטײַעס פויגלענ
מאכנ לעצטע קרײַזנ,
אונ ניט פריִ׳ר פונ פרילינג
ועלנ זיי זיכ ווײַזנ...

יאָסיע, יאָסיע,
אינ דרויסנ איז שוינ אָסיענ,
נעמ די מאנדאָלינע
שטיל, שטיל.
פעלדער ווערנ גרויע, הימלענ ווערנ גרינע,
שפיל!

כ׳האָב ניט ליב קיינ ביימער
הארבסטיקע אָנ בלעטער,
כ׳האָב ניט ליב די בליִונג
אָפלייגנ אפ שפעטער,
כ׳האָב ניט ליב קיינ סעדער
נאקעטע, אָנ נעסטנ,

און עס שמעקט שוין יאָסיע
מיטן ערשטן פרעסטל.

יאָסיע, יאָסיע,
אין דרויסן איז שוין אָסיען,
נעם די מאנדאָלינע
שטיל, שטיל,
פעלדער ווערן גרויע, הימלען ווערן גרינע,
שפּיל!

הײַנט איז נאָך א גוטער
זומערדיקער וועטער,
כ׳זע נאָך אף די ביימער
א פּאָר גרינע בלעטער,
כ׳פיל נאָך אין די סעדער
עפּלדיקן אָטעם,
כ׳זע נאָך אינדערלופטן
א פּאָר פייגל-שוואָטים.

יאָסיע, יאָסיע,
אין דרויסן איז שוין אָסיען,
נעם די מאנדאָלינע
שטיל, שטיל,
פעלדער ווערן גרויע, הימלען ווערן גרינע,
שפּיל!

פון די לעצטע רעגנס
ווערט דער טײַך געשוואָלן,
די קודלאטע וואָלקנס
הענגען איבער טאָלן,

ארום יענע וואָלקנס
קלײַבן זיך שוין שנייען,
נאָר דער טרוים פון פרילינג
וועט דאָס הארץ דערפרייען.

יאָסיע, יאָסיע,
אין דרויסן איז שוין אָסיען,
נעם די מאנדאָלינע
שטיל, שטיל
וועגן פרילינג-הימלען, וועגן ערדן גרינע
שפּיל!

ב

כ׳צעפּראל די לאָדן,
דער פּאָרהאנג פאלט,
איך וויל זיך באָדן,
דער טײַך איז קאלט.

דער פאל פון בלעטער
איז אזוי לײַכט,
צום טײַך איך קלעטער,
דער זאמד איז פײַכט.

איך נעם די נעצן,
כ׳וועל כאפּן פיש,
די רעגנס נעצן
מיך אין קאמיש...

די כמארעס גרינען,
דער דונער קנאלט,
די פיש אנטרינען,
דער טײַך איז קאלט.

איך נעם מײַן הינטל,
מײַן ביקס און פּלי,
איך ציל אין פינטל,
דאָס צינגל כ׳ציִ...

עס וועט נאָך בליצן
מײַן פלינקע קויל,
די ביימער-שפּיצן —
זיי זײַנען הויל...

עס שמעקן ווײַניק
די עפּל-טעג,
די פייגל זײַנען
שוין לאַנג אַוועק!...

בא ברעגן שטיי איך,
און ס׳טוט א שלעפּ
דער קילער רייעך
פון וואסער-סטעפּ.

א זון אָן פלאמען,
מיט מיר באגלײַך,
איך פלי צוזאמען
אין קאלטן טײַך...

די שטראלן פאלן
פארקילט און פריש,
איך כאפּ די שטראלן
ווי לעצטע פיש.

איך הייב די אויגן
צום גרויען רוים.
ווי קומען פויגלען
אף יעדער בוים?

די כוואליעס ציִען,
איך שווים און שוויַיג,
ס'איז שטראַלן פליִען
פון צוויַיג אַף צוויַיג...

אַ ביסל זומער,
אַ שיינס, אַ קאַלטס,
אַ ביסל זון נאָר,
און דאָס איז אַלץ!

ג

די סטעזשקע פון זייַן און ביז ניט זייַן
איז כ'לעבן שוין ניט אַזוי לאַנג,
עס קומט די פאַרבאָרגענע שניט-צײַט,
זייַן קאָפּ הייבט אָן בייגן דער זאַנג...

ניט פון אַלטקייַט אַזוי ווי פון רײַפקייַט
און אויך, וויַיל עס קומט שוין די צײַט.
די אַמאָליקע גאָלדענע שטײַפקייַט
דאַכט זיך שוין אויס זייער ווײַט.

דער סערפּ אַף דער זון טוט אַ בליאַסקע,
אַ פלאַטער מיט זילבער פון שניט,
און מיט אַ פאַרגרייטער געלאַסנקייַט
טוט זיך דער קאָרן אַ שיט...

אַף די ברעמען פון זאַנג בלײַבט אַ טײַנע.
נאָר וואָס פאַר אַ טײַנע — ווער ווייסט,
נאָר די זײַטיקע צוזעער זײַנע
דאַכט זיך, ער האָט ניט קיין טרייסט...

און דער זאַנג לאָזט אַן איינציקע טרער נאָר,
זייַן אומעט דעם סנאָפּ ער פאַרטרויט,
זייַן טרייסט איז די רײַפקייַט פון קערנער,
וואָס שפּאַרט פון דער ערד נאָך זייַן טויט...

אומדערוואַרטקייט

אויב שענקען שייַנ, איז קלאָרע שייַנ נאָר,
אויב ערגעץ זייַנ, איז דאפקע זייַנ נאָר
אָט דאָרט, ווו מ'האָט דיך ניט דערוואַרט,
ווי א שיקאָרניק טאָג א הוליע
און טאָג א פלייצ מיט זונ פונ יולי
אינ נעפלדיקנ כוידעש מאַרט...

און בליצנ — אויב מע קאָנ נאָר אָפטער,
ס'איז ניט קיינ בלענד קיינ אומבאַשטראָפטער
און ניט קיינ שווונג פונ מעשוגאַס,
ס'איז ניט קיינ פיבער-קלאַפ פונ שלייפנ
און ניט קיינ פינקלענדיקע רייפנ
אַרום א שיינער פוסטער פּאַס.

ס'איז ניט קיינ לאָקנדיקע צאַרטקייַט,
ס'איז יענע, יענע אומדערוואַרטקייַט,
וואָס גיט א פלוצעמדיקנ פלעט.
עס שטייַגט דער מענטש ניט אפ קיינ לייטער,
און זאָגט ניט זייַנ דאָר, זאָגט א צווייטער:
דאָס איז אַנ עמעסער פּאָעט!

פליט אַרום אַ פויגל

פליט אַרום אַ פויגל
מיט אַ שוואַרצן קאָפּ,
זעט ער שטילע וועגן,
לאָזט ער זיך אַראָפּ.

עפּעס בלענדט אַ ווײַסקײַט
אויף דער גאַנצער ברייט,
מיינט ער, ווײַסע ביינער
ליגן אויסגעשפּרייט...

אוי, דו שוואַרצער פויגל,
פליִ צוריק אַוועק.
ס'איז ראָמאַשקעס ווײַסע
בליִען אויפן וועג...

פליט אַרום דער פויגל
מיטן שוואַרצן קאָפּ,
זעט ער שטילע פעלדער,
לאָזט ער זיך אַראָפּ.

עפּעס בלענדט אַ געלקײַט
לעם אַ יעדן פלויט,
מיינט ער, ס'רוען זעלנער,
רוען נאָכן טויט.

אוי, דו שוואַרצער פויגל,
פליִ אַוועק צוריק,
דאָס איז אונדזער קאָרן,
דאָס איז אונדזער זיג.

פליט דער שווארצער פויגל
מיטן רויבער-קאָפּ,
זעט ער שטילע בערגלעך,
לאָזט ער זיך אראָפּ.

עפּעס בלענדט א גרינקייט
אפ דער גאנצער ברייט,
מיינט ער, אז שינעלן
ליגן אויסגעשפּרייט.

און אין די שינעלן
ווארט עפּעס אפ אים,
טוט ער מיט די פליגלען
צו דער ערד א שווים.

אוי, דו שווארצער פויגל,
ניט אהין דיך ציט,
דאָס האָבן באשטאנעס
גרינע זיך צעבליט...

פליט ארום א פויגל,
פליט ארום און זוכט,
ברעכט די רײַפע זאנגען,
פּיקט די רײַפע פרוכט.

ווארט אפ נײַע שלאכטן,
נישטערט אינעם מיסט,
פויגל, שווארצער פויגל,
פליסט ארום אומזיסט.

אויב א שלאכט א נײַע
וועט אונדז זײַן באשערט,
רופ צונויף דײַן סטײַע
אפן סוינעס ערד.

ערדישע ליד

ווידער זע איך וועגן נאַקעטע און אָפֿענע,
וועלכע ציִען זיך צום סאַמע הימל-זוים,
וועגן נאַקעטע, פֿון וואָכיקייט אַנטלאָפֿענע,
אָפֿענע ווי אויגן און ווי דרוים...

מאַטערט ניט דער צווייפל מיך דער מערדערדישער,
יאָ, ער האָט נאָך קיינעם ניט געשוינט,
כ׳האָב זיך קיינמאָל ניט געדאַרפֿט פֿאַרערדישן,
כ׳האָב אין וואָלקנס קיינמאָל ניט געוווינט.

ס׳האָט די ערדישקייט מײַן פֿרילינג-גײַסט געפּילגערט,
מיט די שטאַרקסטע זאַפֿטן מיך גענערט,
כ׳האָב ווי קרעלן טראָפּנס טוי געסילעוועט
און פֿאַרטרויט מײַן אָרעמקייט דער ערד...

ווי א סאָפּעק, ווי א פֿלאַנטערניש — אַוועק איז שוין,
ווי א קנופּ אין וועג — האָב איך צעקניפּט,
און דערפֿאַר האָט זי איר רײַכקייט מיר אַוועקגעשענקט,
ווי א זון אַן אייגענעם געליבט...

כ׳קום צו איר אַן קונצן און אָן זײַטיקייט,
ס׳איז מיר ליב איר אָפּשײַן און איר שײַן,
כ׳שלינג די פֿרישקייט פֿון איר הײַנט און איר פֿאַרצײַטיקייט,
ווי דאָס קלאָרע וואַסער און ווי ווײַן.

מײַן גוטער גורל

פון ערשטן טאָג פון מײַן געבוירן
האָט מיך געהיט מײַן גוטער גורל,
ער האָט פון אָנהייב מיר פארגרייט
א ביסל זון בא טיר און טויער,
א ביסל פינקלענדיקן טרויער,
א ביסל נעפּלדיקע פרייד.

א שטיקל הארץ, וואָס אָטעמט ברויזיק,
א ביסל כיין, א ביסל כויזעק,
אמאָל א קרעכץ, אמאָל א לאך,
א פלי, א פאל, א טאנץ, א דרעמל,
אמאָל א ביסל רום צום רעמל,
באליידיקונגען ניט קיין סאך...

אמאָל א ביסל מער ווי ס'דארף זײַן,
נאָר כ'בעט מײַן הארץ ניט אזוי שארף זײַן
און אלץ באנעמען מיט פארשטאנד,
צו גרויס זײַנען באם מענטש די אויגן,
און אויב מ'האָט עפּעס ניט דערוואויגן
און ס'בלײַבט א ליידיקע די האנט,

דער שטערן קנייטשט זיך אומצופרידן,
דאָס בלוט הייבט אָן באליידיקט זידן —
דאן זאָג איך נאָכאמאָל צו זיך:
דער מענטש איז וויכטיק, ניט דאָס קנעפּל,
פארטרײַב פון זיך דעם כניפע-נעפל
און רוק זיך קארגער צו דער קיך!

און טאָמער טרעפט, ווי ס'טרעפט מיסטאמע,
דײַן נאָמען קלינגט ניט אפ קיין ליאמע,

מ׳האָט דיר קיין האנט ניט אויסגעשטרעקט,
און אויב ס׳קומט אויס צו שטיין א ביסל,
א ביסל ווײַטער פון דער שיסל,
ס׳האָט דיר קיין בענקל ניט געקלעקט,

שטיי אָן פארדראָס! דו ביסט א דיכטער.
געדענק: ס׳איז בלויז דאָס פאָלק דײַן ריכטער,
זײַן מישפּעט איז אי נאָ׳נט, אי ווײַט.
דאָס, וואָס איז ביליק, ווארף אין פײַער
און נעם נאָר דאָס, וואָס קאָסט דיך טײַער,
וואָס ערלעך איז ווי אונדזער צײַט!

וואָס קוקסטו, טאַמ?

וואָס קוקסטו, טאַמ?
געננוג איז אויסטרינקען א קויסע
און ניט די גאנצע פאס די גרויסע,
קעדיי דערוויסן זיך דעם טאַמ
פון שוימענדיקן ווײַן!

ס'איז בלויז געננוג א טראָפּן שײַן,
וואָס רײַסט אַרײַן זיך דורכן לאָדן,
אַז ס'זאָל דײַן גאנצער זײַן זיך באָדן
אין פרילינגדיקן טאָג.

נו, זאָג:
באַדאַרף מען דען די גאַנצע ערד
צעגראָבן, פאָרשן און באַשמעקן,
קעדיי אַנטפּלעקן
איר זאַפט, איר פרישקײַט און איר ווערט?

וואָס קוקסטו, טאַמ?
עס שעפּט א קלוגער פון א טראָפּן,
וואָס ס'שעפּט קיין נאַר ניט פון קיין יאַמ!

די עלטער

ס'איז די עלטער ניט געשמאַק,
זאָגן אַלע זקנים,
אָפּ די דעמבעס קומט די האַק
איין אַ טאָג אַ שיינעם...
ווען די דעמבעס ווערן אַלט,
פֿאַלן זיי איינמיטן וואַלד.

ווערט דער שטאָלצער אָדלער אַלט,
איז זיין שווונג אַ ליגן.
און דער אַלטער לייב איין וואַלד
זיצט און כאַפּט זיך פֿליגן,
שטאַרקע לייבן ווערן אַלט,
פֿאַלן זיי איינמיטן וואַלד.

— אָפּ דער עלטער איז ניט גוט!
זאָגט מען אָפּ דער עלטער,
קעלטער ווערט דאָס הייסע בלוט,
פֿויגלען ווערן עלנטער,
פֿלינקע פֿויגלען ווערן אַלט,
פֿאַלן זיי איינמיטן וואַלד.

אָפּ דער עלטער ווערט מען אַלט,
קילער ווערט דער פֿלאַקער,
נאָר דער וויין, ווען ער איז אַלט,
איז ער נאָך געשמאַקער,
נאָר דער אַלטער וויין איז גוט,
זאָל ער וואַרעמען דאָס בלוט!

ווען מײַן האַרץ ניט ווערן גרוי,
ווען מײַן וואָרט ניט קילן,
ווען אין וועג דער קאַלטער טוי
מײַן געזאַנג ניט שטילן,
אויב כ׳וועל מוזן אַלט שוין זײַן,
וויל איך אַלט זײַן ווי דער ווײַן!

ביז די עלטער האָט איר שטויב
אױף מײַן קאָפּ פאַרלאָרן,
טוט דעם אַלטן ווײַן אַ הייב
פאַר די יונגע יאָרן,
פאַרן אייביק־גרינעם וואַלד,
פאַרן מענטש, וואָס ווערט ניט אַלט!

שאָטנס פון װאַרשעװער געטאָ

א

זיי בלאָנקען ארום איבער געסלעך און ליקן,
זיי קלאפּן אין כוישעך פון טירן צעפּראלטע,
זיי קלאָגן בא כורוועס, זיי שלאָפן אף בריקן,
זיי פאלן אף פינצטערע שליאכן אף קאלטע,
זיי הייבן זיך ווידער און וואנדערן מידע
דורך אָפּגרונטן גרויע, דורך בארג-שפּיצן גרינע,
זיי האָבן נאָך אלץ ניט דערזאָגט זייער ווידע,
זיי קאָנען נאָך אלץ זייער רו ניט געפינען.
אין מאָרגנס אין פריִע, אין אָוונטן שפּעטע
זיי בלאָנקען, די שאָטנס פון ווארשעווער געטאָ.

זיי בלאָנקען פארשטויבטע, זיי בלאָנקען פארשנייטע,
דורך גאסן פארלאָזטע, דורך סעדער געטייטע,
זיי שוועבן בא טײַכלעך דורך שטילע קאמישן,
זיי פליִען אין בלײַענע וואָלקנס געקליידטע,
זיי קומען אין הײַזער, זיי זיצן בא טישן
און ניט ווי קיין אָרכים, וואָס ווארטן אף עפּעס.
זיי קומען, ווי ס'קומען די נעכט אין די סטעפּעס,
זיי קומען ווי שיפן אין האפנס פון יאמען,
זיי קומען ווי קינדער אהיים צו דער מאמען.

מע זעט זיי, די שאָטנס, אױף גאַנקעס, לעם פּאַרקנס,
אױף שטומע לעווײַעס, אױף רוישיקע מאַרקן,
און ניט ווי קיין בעטלערס די שאָטנס זיך ציִען,
מיט הענט אױסגעשטרעקטע, מיט בליקן פאַרוועבטע,
זיי בלאָנקען אַרום ווי געקעפּטע נעוויִים,
מיט קרױנען פון רום אױף די קעפּ די געקעפּטע,
זיי טראָגן מיט שטאָלץ זייער גרױזאַמען גורל,
און זייער פאַרבאָרגענער טרױם די געפאַר איז,
זיי בלאָנקען אַרום אױף דער וועלט ווי בונטאַרעס,
וואָס האָבן אין שלאַכט דאָס געווער ניט פאַרלוירן.

און ס'קאָן זיי די ווײַסל, און ס'קאָן זיי דער ניעמאַן,
און ס'הוידען באַם יאַרדן זיך זייערע נעמען,
און ס'זעט זיי די וואָלגע דורך רויכן פון צאָפן,
און ס'זײַנען די בערג זיי דעם וועג ניט פאַרלאָפן.

דורך וועגן צעבײַלטע, דורך יאָרן געפּלעטע
זיי בלאָנקען, די שאָטנס פון וואַרשעווער געטאָ.

ב

דורך וועגן צעבײַלטע, דורך יאָרן געפּלעטע,
זיי בלאָנקען, די שאָטנס פון וואַרשעווער געטאָ.

איך שעלט מײַנע פינגער, וואָס זיי זײַנען פינגער,
און ניט קיין פאַרסאַמטע, פאַרגיפטעטע קוילן.
און ס'בריט דער געוויסן, וואָס כ'אָטעם, וואָס כ'זינג גאָר,
וואָס כ'בין ניט דאָס ייִנגל דאָס ברוינע פון פוילן,
דאָס ייִנגל פון וואַרשע, וואָס איז ווי אַ מאַלעך
געקומען צו מיר אין אַ נאַכט אין אַ גרויער,
דאָס וואַרשעווער ייִנגל, — אַ גרויסן מעהאַלעך
איז ער דורכגעשווומען אױף פליגל פון טרויער,
ביז ער איז געקומען פון פינצטערע קאַנטן,
אַ שוועב טאָג אָט דאָ לעם מײַן זוניקן טויער.

ס'איז גאָר ניט קיין פֿליגל, א בלוט-רויטער מאנטל
איז הענגענ געבליבנ לעמ שכיינישנ פענצטער.
אונ ס'האָט זיך דאָס יינגל, דער שאָטנ פונ געטאָ,
פונ שאָטנס פונ אלע דער יינגסטער, דער קלענסטער,
געלאָזט מיט די וועגנ, ווו קיינער געטרעט האָט.
דער מאנטל איז הענגענ געבליבנ אינ דרויסנ
אפ עפּעס א בוימ א באיאָרטנ אונ גרויסנ.
דער ווינט האָט צעווייט זיינע פאלדנ די ברייטע.
ס'איז גאָר ניט קיינ מאנטל. א פאָנ האָט געווייט דאָ!
די פאָנ האָט געפלאטערט מיט פֿליגל צעשפרייטע
אינ אופשטאנד פונ געטאָ. אונ דאָס האָט פונ שלאכט זי
דאָס ווארשעווער יינגל צו מיר היינט געבראכט זי.

ער האָט זיך געטראָגנ דורכ וועלדער פארטויבטע,
באגלייט האָט אינ וועג אימ די ערד די בארויבטע;
אונ טרערנ פונ קינדער אונ דופּנ פונ קדושים —
באגלייט האָט אינ וועג זייער הייליקער רויש אימ.
עס האָבנ באגלייט אימ צעשטאָכענע אויגנ
אונ הערצער, וואָס האָבנ אפ שפּיזנ געפלאטערט,
אונ געגנטנ גאנצע מיט רויכנ פארצויגנ,
אונ ווונדנ, וואָס האָבנ דורכ דוירעס געיאטערט.
דער הימל אליינ האָט די וועגנ געשפּרייט אימ,
פונ כורוועס אונ ביינער דער אש האָט באגלייט אימ.
אונ שטיל האָט די פאָנ אפ די צווייגנ געפיבערט,
ווענ ער איז די שוועל פונ מיינ ווינונג אריבער.

— שטיי אופ! — האָט דאָס יינגל פונ געטאָ באפוילנ. —
שטיי אופ, לאָמיר פֿליענ צו קוואָרימ פונ פוילנ.
געבענטשט זיינענ די, וואָס געדענקענ די קוואָרימ,
ווו ס'ליגנ די קדושימ מיט הערצער מיט קלאָרע!
די פאָנ וועט אונדז פירנ דורכ בערג אונ דורכ יאמענ,
די פאָנ וועט אונדז פירנ. מיר פֿליענ צוזאמענ.

ג

די פאָנ וועט אונדז פירנ דורכ בערג אונ דורכ יאמענ,
די פאָנ וועט אונדז פירנ. מיר פליִענ צוזאמענ.

דער הימל פונ מאָסקווע — ער האָט ניט געדרעמלט,
ער האָט זיכ צעלויכטנ מיט שטאָלצע סאליוטנ,
אונ ליכטיק געוועננ איז אינ הויפ פונעמ קרעמל,
אונ אלצ האָט באגלייט אונדז, געשײַנט אונדז צומ גוטנ.

דער וועג בא דער שײַנ פונעמ קרעמל ווערט ברייטער,
אונ ס'ווערט אזוי ערדיש פונ שטערנ דער שמייכל.
מיר פליִענ. וווהינ? אינ א וועלט אינ א צווייטער.
מיר פליִענ אונ קאָנענ זי אלצ ניט דערגרייכנ,
אזוי איז זי ווײַט פונ מײַנ היימ, פונ מײַנ סייכל,
אזוי איז זי נאָ'נט צו מײַנ בראָכ אונ מײַנ ווייטעק.
מיר פליִענ א טאָג שוינ, מיר פליִענ שוינ צוויי טעג,
מיר פליִענ א כוידעש, א יאָר איז פארלאָפנ,
אנ אייביקײַט איז שוינ פארגאנגענ. מיר פליִענ.
אונ קאָנענ נאָכ אלצ צו דעמ ציל ניט דערציִענ.
ווער פליט עס? דאָס ייִנגל מיט אש אינ די אויגנ
אונ איכ מיט מײַנ אומזינ, וואָס וויל זיכ ניט בייגנ.
ווער פליט עס? עס פליט אונדזער וויי, אונדזער צאָרנ,
צי ס'פליט אונדזער מוט, וואָס איז רײַפער געוואָרנ?
נאָר ווער ס'זאָל ניט פליִענ, וועט קומענ בעשאָלעמ,
אויב ס'איז נאָר פונ שימלדיק וואסער זײַנ בלוט ניט,
אויב ס'טראָגט אימ אינ וועג דער געוויסנ, וואָס רוט ניט,
אויב ס'איז נאָר זײַנ טרוימ אונ זײַנ שוווּנג ניט קיינ כאָלעמ.

מיר פליִענ, ווענ טויב ווערנ וועלדער אונ ברייטנ,
מיר פליִענ נאָר דעמלט, ווענ ס'רוקט זיכ די נאכט אָנ,
ווענ שאָטנס פונ געטאָ אינ וועג אונדז באגלייטנ
אונ רינגלענ ארומ אונדז ווי רויכנ נאָכ שלאכטנ.

זיי שווימען אונדז נאָך און באַקוקן די וועגן,
זיי שוועבן פֿאָרויס אינעם רוים אינעם נוסטן,
מיט פֿורסטן, וואָס ווייסן דעם טאַם פֿון געשלעגן,
מיט הערצער, וואָס ווייסן די פֿרייַז פֿון פֿאַרלוסטן,
מיט ליידן, וואָס האָבן פֿאַר זיך ניט קיין ברעגן.

. . . .

דאָס ווייסן אַפֿילע די קינדער אין וויגן:
אַ מענטש האָט זייַן שאָטן, אַ מענטש וועבט זייַן ניגן,
דער ניגן פֿאַרגייט, און דער שאָטן באַגלייט אים,
און שלאַנק איז דער שאָטן פֿון מענטשן, ווען ס'גייט אים,
עס קנייטשט זיך דער שאָטן, ווען ס'קנייטשט זיך דער גורל
פֿון דעם, וואָס מיט אים איז דער שאָטן פֿאַרבונדן,
די שאָטנס פֿאַרשווינדן, ווען מענטשן פֿאַרשווינדן,
און נאָר פֿון כאַכאָמים און נאָר פֿון גיבוירים
פֿאַרבלייַבן די שאָטנס באַגלייטן די דוירעס,
די דוירעס באַגלייטן, באַשייַנען, באַצירן,
בא קינדער און קינדס-קינדער טיף זיך פֿאַרקאַרבן,
איז לאָמיר די שאָטנס אין וועג ניט פֿאַרלירן,
און זאָל זייער אומרו ניט וועלקן, ניט שטאַרבן!

ד

איז לאָמיר די שאָטנס אין וועג ניט פֿאַרלירן,
און זאָל זייער אומרו ניט וועלקן, ניט שטאַרבן.

מיר פֿליִען, דער מוט האָט צעפּראַלט אונדז די טירן
און האָט אונדז געבראַכט מיטן וועג אָט דעם האַרבן
אין אָפּגרונט פֿון ווײ, אין אַ וועלט אין אַ צווייטער.
אָט ליגט שוין דער אָפּגרונט פֿאַר אונדז אַ צעשפּרייטער.

מיר פֿליִען אַראָפּ פֿון די וואָלקנס די שפּעטע
און פֿאַלן אַרייַן אין דער וואַרשעווער געטאָ.

נאָר ווו איז דאָס ייִנגל, מײַן גוטער באַגלייטער?
איך שפּיר ניט זײַן אָטעם, איך הער ניט זײַן קעלכל,
אַן איינזאַמער בלײַב איך. ווו איז ער? ווו שטייט ער?
באַ וואָס פֿאַר אַ טויער, אין גאַס איך וועלכן?

איך בלאָנקע און רוף אים. איך ווייס ניט זײַן נאָמען.
אַ ווידערקאָל ענטפֿערט פֿון כּורוועס און שטיינער,
פֿון כּאָרעווע הויפֿן, פֿון ליידיקע קראָמען,
פֿון ווענט מיט פּידאַשקעס, ווי סטאַרטשנדע ביינער,
פֿון אַלטן בעסמעדרעש, וואָס ליגט אַ געטייטער.
פֿון ווינקלעך, וואָס וויגן אַליין זיך אין אומעט.

פֿאַרבײַ פֿליִען פֿעדערן ווײַסע און רויטע,
פֿאַרבײַ בלאָנקען שאָטנס צעהוידעטע, שטומע,
נאָר איינער ניטאָ איז. פֿאַרשוווּנדן. אַנטרונען
דאָס וואַרשעווער ייִנגל. די שטערן זיך מינען.
זיי ווייסן פֿון גאָרניט. זיי שײַנען ווי פֿריִער
און גיסן די שײַן אַף די ראַנדן פֿון טליִעס.
דער ווינט ווייסט פֿון גאָרניט. ווי נעכטן ער וויִט דאָ,
דער אומגליק האָט אים מיט זײַן שוווּנג ניט צעשיידט דאָ,
ער טראָגט זיך אַרום איבער געסלעך און שטיבער,
ער שפּילט זיך מיט פֿעדערן לופֿטיקע, גרינגע,
זיי פֿליִען צו קוואָרים, צו בערגלעך, צו גריבער
אַף לייגן זיך אונטער די קעפּ די געטייטע,
די נאָך ניט באַערדיקטע קעפּ פֿון די קדושים.

איך זוך אַלץ דאָס ייִנגל, מײַן גוטן באַגלייטער,
איך זוך צווישן שאָטנס אין וואַרשעווער כּוישעך.
אומזיסט איז מײַן זוכן, עס ענטפֿערט דער ווינט מיר
אַף קוואָרים, אַף אַשיקע בערג ער געפֿינט מיך.

דער ווינט קאָן ניט רוען. אָט איז ער אין סאָד דאָ,
ער קלאַפּט אין די קאַנטן פֿון שויבן צעזעצטע.

ער נישטערט א בלאַט פֿון אַן אַלטער האַגאָדע,
אַ בריוו פֿון די מוירדים, די שלאַכטלײַט, אַ לעצטע
מיט אַש אַ באַזוימטע, אין בלוט אַ צענעצטע,
אַ זײַטל מיט פֿערעצעס שורעס געטאָקטע.
אַ שטיק סייפֿערטוירע ער פּרוּווט זיך אַ טראָג טאָן,

נאָר ס'ווערט זיך דער פֿאַרמעט און בלײַבט אַף דער ערד דאָ,
און ס'ווייט פֿון געלעסטערטע אויסיעס מיט ווערדע,
מיט ווערטער געזאָגטע און נאָך ניט דערזאָגטע,
אַ וויגל אַ לײַדיקס ער פּרוּווט זיך פֿאַרוויגן,
ער וויגט עס און ברומט זײַן קאַדמויניש ניגן,
וואָס ער האָט געברומט נאָך אין טויהו-וואָוויהו.
באַם אָנהייב פֿון וועלטן, אין נעפּלען אין גרויע...

די נאַכט רוקט זיך בייז בא פֿאַרייכערטע ווענט דאָ,
און שטערן מיט שטערן אָן ווערטער זיך קריגן,
און ס'ווינען בישכיינעם בא הײַזער פֿאַרברענטע
די בריוו פֿון די העלדן, וואָס פֿלאַטערט אַף ציגל,
די שורעס פֿון „ברייְשיס", דאָס בלוט און דאָס וויגל...

פֿאַרשווונדן דאָס ייִנגל, מײַן גוטער באַגלייטער,
איך בין ניט קיין היגער אין געטאָ, די וועגן
איך ווייס ניט. איך בלאָנקע. ניטאָ וועמען פֿרעגן,
ווי קאָן איך גאָר זײַן אין אַ וועלט אין אַ צווייטער
אַליין דאָ, אַ פֿרעמדער. ווי האָט ער געקאָנט דאָ
אַליין מיך פֿאַרלאָזן. איך בלאָנקע, איך פּלאָנטע,
איך רוף אים, איך רוף אים, און ער איז ניטאָ מער.
איך וואָלט זיך צעיאָמערט, ווען ס'העלפֿט מיר דער יאָמער,
איך וואָלט ווי אַ כײַע אין וויסטע צעהוילט זיך,
ווען ס'וואָלט מיר געהאָלפֿן. נאָר איך האָב געשוויגן.

די נאַכט האָט מיט בראָך און מיט אומעט געקנוילט זיך
אין בריוו פֿון די העלדן, וואָס פֿלאַטערט אַף ציגל,

אין שורעס פון „בריישיס״, אין בלוט, וואָס אין וויגל.
איך וואַרט, מײַן באַגלייטער זאָל ווידער זיך ווײַזן,
מיר דוכט זיך: ניט ווײַט, אין אַ כאָרעווע הײַזל
איך זע אים, דעם שאָטן, מײַן העלן באַגלייטער,
מיר דוכט, אַז צו מיר פון דער פינצטערניש גייט ער,
מיר דוכט, אַז ער הייבט זיך פון בלוט און פון נעפּל,
עס שליסן זיך ביינער מיט ביינער צוזאַמען,
עס נעמען די לונגען די לופט אין זיך שעפּן,
און ס׳נעמען די ליפּן צו פליסטערן: „מאַמע״.
ס׳האָט אָדער צו אָדער גענומען זיך שליסן,
דאָס בלוט אין די אָדערן הייבט שוין אָן פליסן,
אַ הויט האָט די אָרעמע גלידער פאַרצויגן,
און ס׳האָבן צוויי פונקען געגליט אין די אויגן.

איך לאָז זיך צו אים, נאָר אין נעפּל אַנטרינט ער,
ס׳אַ כאָלעם. אָט קומט ער צו מיר. אָט פאַרשווינדט ער.
ווו איז ער? ווו איז ער? איך זוך זײַנע אויגן,
איך בין שוין די כאָרעווע שטאָט דורכגעפלויגן,
דאָס ייִדישע פעלד און דעם פּוילישן צווינטער
און יאָג זיך אַלץ ווײַטער. איך נישטער די וועגן.

אָט קומען מיר ייִדישע שטעטלעך אַנטקעגן,
מיט קוימענס, מאַצייווער — פאַרגליווערטע גוילעמס,
בעסוילעמס, בעסוילעמס, בעסוילעמס, בעסוילעמס
איז הײַנט זייער גרויזאַם און בלוטיק פאַרמעגן.

אָט קומען אַנטקעגן מיר דערפער אין פײַער,
מיט ליידיקע כאַטעס, מיט ליידיקע שײַערס,
מיט קעלבער, וואָס לויפן אַליין צו דער שכיטע,
מיט ציגעלעך ווײַסע צום פלאַם צוגעשמידטע.
אָט שווימען שוין פעלדער מיט ביינער פאַרזייטע,
מיט איינזאַמע זאַנגען אַפ בלוטיקע וועגן,

אָט רוקנ זיכ װעלדער געדיכטע אונ ברייטע
אונ טראָגנ מיר כאָרעװע נעסטנ אנטקעגנ,
אונ טראָגנ אנטקעגנ מיר ביימער אונ שטאנגענ,
מיט שטריק, װי די רינגענ אפ נאקעטע צװײַגנ,
מע הערט ניט קיינ רויש דאָ, קיינ פויגל-געזאנגענ,
עס זינקענ פארסמאליעטע װעלדער אינ שװײַגנ,
אונ זעלטנ דערהערט מענ: א האק גיט א בויטע
די נאכט די געדיכטע, די שטילקײַט די טויטע,
א האק גיט אנ אוראלטע יאָדלע א שפאלט דאָ,
א בוים טוט א קרעכצ אונ א סקריפ אונ א פאל דאָ.
אונ זעלטנ דערהערט מענ א שאָרכ פונ א כײַע,
װאָס טאפט מיט די לאפעס די סטעזשקעס די נײַע
אונ זוכט דאָרט א נאָרע אפ קענענ באהאלטנ
א קינדעריש העמדל, א שטיװל אנ אלטנ,
װאָס זי האָט געבראכט פונ דער געטאָ צו שלעפנ.
דורכ װילדקײַט, דורכ שטילקײַט, דורכ װאלדישנ נעפל
דערהערנ איכ אוראלטע ביימער מיט שטוינונג
א קלונג פונ א מעסער, א שאָס פונ א בראַונינג.

איכ לויפ, אונ די פיס װערנ מידער אונ מידער,
א בלײַענע מידקײַט פילט אָנ מײַנע גלידער,
איכ פאל אפנ גראָז אפנ פײַכטנ אונ פרישנ,
א צװײַג איז מײַנ קאָלדרע, א פניאָק איז מײַנ קישנ.
אונ װי נאָר איכ שליס די פארמאטערטע אויגנ,
קומט װידער דאָס ייִנגל פונ הייכ װי א פויגל,
ער קומט פונ א װארשעװער געסל אנ ענגנ
מיכ פירנ אינ הײַזער, װאָס זײַנענ פארברענט שוינ,
באװײַזנ דעמ אש אונ דעמ װונדער פונ מענטשנ...
די פליגל ער לאָזט אינ דער פינצטערניש הענגענ,
ס'איז גאָר ניט קיינ פליגל, דורכ דויִרעס פארגעטערט,
ס'איז הענגענ געבליבנ אפ גוינעמ געבלעטער

א בלוט-רויטער מאַנטל מיט פאַלדן מיט ברייטע.
ס'איז גאָר ניט קיין מאַנטל. א פּאַן האָט געווייט דאָ.

— שטיי אוף! — האָט דאָס ייִנגל מיר ווידער באַפוילן, —
שטיי אוף, לאָמיר פליִען צו קוואָרים פון פוילן!

ער קומט אַף א ווײַל נאָר אין כאָלעם צו פליִען
דעם אומגליק דערמאָנען, דעם ווייטעק צעגליִען,
זײַן היים מיר באַווײַזן, דעם מוט אין מיר וועקן,
דעם גוירל פון יוגנט פון זײַנער אַנטפּלעקן.

אָט דאָס איז די פּרעכטיקע הויפּט-שטאָט פון פוילן?
ווו זײַנען די גאַסן? ווו זײַנען די שטיבער?
צעהאַרגעט, צעאַקערט דורך באָמבעס און קוילן,
זיך וואַלגערט די כאָרעווע שטאָט איבער גריבער,
אין אַש ליגט איר כאָרעווע שיינקײַט צעטראָטן,
עס טליִען די גאַסן נאָך ווי האָלעוועשקעס,
עס בלאָנקען אַף קוואָרים פאַרלוירענע שאָטנס,
און ס'זוכן די ראָבן צו קוואָרים די סטעזשקעס.

עס שטייען ווי צאַמען די נאַקעטע ווענט שוין,
עס שטומען די געסלעך אין כאַשכעס פאַרזונקען.
ריבוינע-שעל-אוילעם! אָט דאָ האָבן מענטשן
געלעבט און געאַרבעט, געטאַנצט און געזונגען!

ה

ריבוינע-שעל-אוילעם! אָט דאָ האָבן מענטשן
געלעבט און געאַרבעט, געטאַנצט און געזונגען.

דאָ פלעגן זיי שעלטן, דאָ פלעגן זיי בענטשן,
דאָ האָבן פון שטויב זיך געהויבן די יונגען,
דאָ זײַנען געוואַקסן בא יונגען די פליגל,
דאָ האָט מען געוויינט, און געלאַכט, און געשריגן,
דאָ האָט מען די קינדער געוויגט אין די וויגן,

דאָ האָבן זיך קינדער צו מאַמעס געטוליעט,
דאָ האָט מען אַף כאַסענעס גרויסע געהוליעט,
מע פלעגט אַף לעווייַעס דאָ טרערן פאַרגיסן
און ווידער פון ניכטערן לעבן געניסן.
דאָ האָט מען געוויינט, און געקלאַפּט, און געטעסעט,
דאָ האָט מען געהאַט סייַ דעם יאָכ סייַ דעם נאַכעס
פון שטייַגן מיט וויטעק, פון פאַלן מיט כעסעד,
פון לעבן דער פייַנטלעכער וועלט אַף לעהאַכעס.

ריבוינע-שעל-אוילעם! אָט דאָ האָבן ייִדן
דעם גאָלדענעם פאָדעם פון דוירעס געצויגן?
די גאָלדענע קייט פלעגן ייִדן דאָ שמידן?
די גאָלדענע פּאַווע מיט מיידלשע אויגן
האָט דאָ זיך אַ נעסט אין די סעדער געשאַפן?
דער גאָלדענער טרוים האָט געהאַט דאָ אַ האַפן?

אָט דאָ, וווּ די נויט האָט געיאָגט און געגנישטערט,
מיט פייַפן פון בייַטשן אין סאַם אַ פאַרמישטע?

אויב יאָ, איז די נעסט שוין פון הייכן געפאַלן,
דער גאָלדענער פאָדעם איז הענגען געבליבן
אַף זוניקע, ווייַטע צעשאָסענע שטראַלן,
דער טרוים לעבט אין וואַלד אין אַן ערדיקן שטיבל,
און וווּ איז די פּאַווע, קאָן קיינער ניט זאָגן —
אַף וואַרשעווער גאַסן געבליבן איז קיינער,
וואָס זאָל כאָטש איר הייכלאָזע שיינקייט באַקלאָגן.
עס שווייַגן די שוועלן. עס שטומען די שטיינער,
עס שטאַרבן דאָ ווערטער נאָך ניט קיין גערעדטע.
דאָס זייַנען די גאַסן פון וואַרשעווער געטאָ.

מיר קוקן אַרייַן אין די היימישע פענצטער,
מיר זוכן פון לעבנס די שפּורן די קלענסטע,
מיר זוכן די טיכלעך מיט טרערן באַנעצטע,

מיט טרערן, מיט בלוט און פון ווייטעק געוועבטע,
מיר זוכן די יידישע שפורן די לעצטע,
פון טרוימענע געטרוימטע, פון לעבנס געלעבטע,
פון ליבעס געשפּילטע, פאַרשפּילטע, געפּלעטע...

מיר קוקן אַריין אין די הײַזער פון געטאָ,
דאָ לעבן איצט סאָנים. דאָ וווינט דער ביזויען
אין היימען געשענדטע מיט פענצטער צעזעצטע,
דאָ שוועבט נאָך דער אָפּהילך פון שאָסן פון לעצטע,
דאָ הילכט נאָך דער לעצטער געשריי פון די פרויען,
און ס'ליגן די רויבערשע לאַפּעס פאַרקרעצטע
אַף ציכטיקע קישנס. דאָ הערט מען נאָך קויען,
דאָ הערט מען נאָך בראָדיען אין אומעט פאַרבאָרגן
דעם לעצטן געשריי פון פאַרצויגענעם גאָרגל...

עס שטייען די טישן געדעקטע, געגרייטע
מיט מילך און מיט האָניק, מיט קויסעס מיט ברייטע,
מיט טעלער מיט רונדע מיט גאָלדענע צייכנס,
מיט „קאָשער לעפּייסעך" אַף זייערע ברעגן.
עס זיצט דאָ בא טישן דער רויבער און שמייכלט,
ווי אַלץ איז פאַרגרייט דאָ פון זײַ־נײַנעטוועגן.

ער קוקט אַף די טישן די גרויסע און שמייכלט,
ער קוקט אַף דער יידישער קויסע און שמייכלט,
ער קוקט אַף די ספאָרים אין לעדער און שמייכלט,
ער קוקט אַף אַ בלוטיקן פעדער און שמייכלט.

ניטאָ דאָ קיין יידן. דאָ וווינען שוין יענע,
וואָס האָבן געבראַכט אַף די ערדן דעם געניעם.
זיי דאַרפן בא קיינעם איצט גאָרנישט ניט קויפן,
דאָס גליק האָט זיי פּלוצעם אין וואָגל געטראָפן.
זיי זיצן בא אונדזערע טישן און זויפן,
זיי ליגן אין אונדזערע בעטן און פאָפן,

זיי קושן די זוינעס אין אונדזערע הויפֿן,
אין אונדזערע שטיוול אין קירכעס זיי לויפֿן,
די הרובע זיי הייצן מיט אונדזערע ספֿרים
און מייקענען שיקער אָפּ אונדזערע קוואָרים,
זיי טראָגן פֿון אונדזערע טאַטעס די העמדער,
זיי טראָגן די קליידלעך פֿון אונדזערע שוועסטער,
דער ליַילעך, וואָס ליגט אונטער זיי, איז א פֿרעמדער.
א יעטווידער פֿאָדעם אין אים איז געלעכטערט.

זיי טרעטן אַף אונדזערע אומגליקן, ווי מיר.
און אונדזערע פֿערל מאַטאָנעס זיי ברענגען.
אַף אונדזערע שטריק און אַף אונדזערע ביימער
מיר וועלן מיט אונדזערע הענט זיי נאָך הענגען!

ו

אַף אונדזערע שטריק און אַף אונדזערע ביימער
מיר וועלן מיט אונדזערע הענט זיי נאָך הענגען.

צעוואַלגערטע נעסטן. פֿאַרשפּיגענע היימען,
פֿאַרבלוטיקטע שטעגלעך צו קוואָרים זיך שלענגלען.
זאָל ווערן פֿאַרשאָלטן, פֿאַרשאָלטן זאָל ווערן
די שיַין פֿון פֿרימאָרגן, וואָס האָט די גאַזלאָנים
די וועגן באַלויכטן, דער נאַכטיקער שטערן
פֿאַרשאָלטן זאָל ווערן. ער האָט די גאַזלאָנים
די וועגן באַלויכטן. פֿאַרשאָלטן זאָל ווערן
די לופֿט פֿונעם פֿרילינג, וואָס האָט די גאַזלאָנים
דעם אָטעם געפֿרישט, און די לונגען צעבלאָזן,
און פֿרישקייַט געשאָנקען דעם רויבערשן פּאָנעם.

מיר קוקן אַריַין אין די סעדער פֿון געטאָ,
עס בוקן זיך צווייַגן, עס הייבן זיך גראָזן,
עס מינען זיך בלימלעך, עס שפּרייטן זיך בלעטער,

פאַרוואָס ווערט ניט ביטער די זאַפט פון די פּיירעס,
זיי וואַקסן פון דר'ערד, וואָס איז בליִענדיק — ביטער,
פאַרוואָס שווייַגט דער הימל אין גרויל־נעכט פון גזיירעס,
פאַרוואָס לויפט דער דונער פאַרבייַ מיט זייַנע קנאַלן
און טרעפט ניט די קוילערס בא זייערע סודעס,
פאַרוואָס זאָלן בליצן אַפ קוילערס ניט פאַלן
און שפּליטערן קעפּ פון די קוילערס ווי הרודעס?
פאַרוואָס זייַנען פּיירעס ניט גיפטיק ווי סינע,
פאַרוואָס זייַנען גראָזן ניט רויטע, נאָר גרינע?

ז

פאַרוואָס זייַנען פּיירעס ניט גיפטיק ווי סינע,
פאַרוואָס זייַנען גראָזן ניט רויטע, נאָר גרינע.

דער הימל איז רויט שוין פון ערדישע פלאַמען,
און רויט איז די ערד שוין פון בלוט און פון בושע,
און רויט איז דער שוים אַפ צעשויבערטע יאַמען,
וואָס האָבן ווי מענטשן פאַרלאָרן די רו שוין.
און רויט זייַנען וואונדן, וואָס בריִען און קויען,
פון בלוט זייַנען רויט שוין אַפילע די טויען,
אַפילע די רעגנס, וואָס פאַלן אַפ פליינען,
און רויט זייַנען אויגן בא אונדזערע פרויען,
וואָס שטומען און קענען דעם בראָך ניט באַוויינען.
מע דאַרף ניט קיין טרערן: פון טרערן ווערט גרינגער.
זאָל שווער זייַן, ווי שווער ס'איז די לופט אין אַ בוינע,
זאָל שווער זייַן דער בלייַ, וועלכער לויפט פון די פינגער
אין נעסטן פון ביקסן, וואָס צילן אין סוינע.
זאָל שווער זייַן די קלאָלע, וואָס פאַלט אַפ די סאָנים,
זאָל שווער זייַן דער פויסט, וואָס צעפּלעט די באַצווינגער,
זאָל שטאָלץ זייַן, זאָל שטאַרק זייַן באַם יאָסעם דאָס פּאָנעם,
מע דאַרף ניט קיין טרערן: פון טרערן ווערט גרינגער.

מײַן אורזיידע וואָלט די מאלבושים צעריסן,
מיט אש זײַנע קרויזן באקרוינט וואָלט מײַן זיידע,
און איך האָב געיארשנט דעם שטאָלצן געוויסן,
דעם אש און דעם טרויער פון ביידע, פון ביידע.
מײַן אורזיידע וואָלט אף די שײַטערס געצאָרנט,
א שווערד אין די הענט וואָלט געגומען מײַן זיידע,
און איך האָב געיארשנט דורך טויזנטער יאָרן
די שווערד און דעם צאָרן פון ביידע, פון ביידע.
אזא דער געבאָט איז, אזא איז דער גורל:
צו שטארבן אף נאָכאמאָל ווערן געבוירן.

ח

אזא דער געבאָט איז, אזא איז דער גורל:
צו שטארבן אף נאָכאמאָל ווערן געבוירן.

דער נאָמען, וואָס קומט נאָכן טויט, איז נאָך העכער
פון דעם, וועלכער ברויזט שוין ניט אונטער קיין דעכער,
וואָס האָט זיך צעשיידט מיט דער ערד מיט דער הארבער,
דער נאָמען. וואָס קומט נאָכן טויט שוין, פארגייט ניט.
עס שרעקן שוין מער ניט די נעגל פון שפּארבער,
דאָס זײַדענע וואָרקען פון טײַבעלע פרייט ניט,
איז וואָס? ס'איז פון מענטשלעכן אויג ניט באהאלטן
דער נאָמען, וואָס קומט נאָכן קייווער דעם קאלטן,
וואָס דום איז זײַן היים, און די זון-שײַן זײַן טרוים איז,
דער נאָמען, וואָס לעבט שוין אין פרעמדע כאלוימעס,
דער נאָמען, וואָס איז שוין א פּאָדעם געוואָרן
און ווערט ניט צעריסן אין שטורעמס פון יאָרן,
דער נאָמען, וואָס פלאטערט אין זאנגען פון רעגן,
אין זײַד פון די פּאָנען, אין שאָטנס אף וועגן...

איך זע די געשטאלטן. זיי קומען פון היילן,
זיי קומען דעם אומגליק פון געטאָ דערציילן,

זיי קומען מיט זייערע טרומען זיך טיילן,
זיי קומען דעם ווונדער פון געטאָ דערציילן.

און ווערטער מיט ווערטער אין טונקל זיך קניפּן,
איך הער יענע ווערטער אין הייך און אין נידער,
זיי פאַלן צו מיר אַף די אַקסל ווי ברידער
מיט נאַכט אַף די אויגן, מיט אַש אַף די ליפּן.

און דאָס איז דער אָנהייב פון אונדזער האַגאָדע:
געווען איז אַ וועלט דאָ, געלעבט האָט אַ שטאָט דאָ...
דער פרילינג איז אָקאָרשט די שוועלן אריבער,
אַ לינדער אַפּרעל האָט אין סעדער געשפּרייט זיך,
און ס׳האָבן די פייגלען און גראָזן געפּרייט זיך,
וואָס ס׳קומט שוין, ווי שטענדיק, דער פרילינג דער ליבער,
די זון איז אַ קאַלטע געהאַנגען אין דרויסן
און קיינער באַמערקט האָט, ווי זי איז פאַרגאַנגען,
די פּייסעך-נאַכט איז שוין אַף פענצטער געהאַנגען,
ווי זי וואָלט אַ סאָד דאָ באַהאַלטן אַ גרויסן.
געוואָלט האָבן סאָנים דעם סאָד זיך דערוויסן —
וואָס טוען עס יידן אין הויפּט-שטאָט פון פוילן,
צי פּראַווען זיי פּייסעך, צי גרייטן זיי קוילן
אין אָט-אָ דעם פּערצנטן אָוונט פון ניסן.

...עס זײַנען זיך יידן באַ טישן געזעסן,
פאַרזוכט פון כאַרויסעס און מאָרער געגעסן.

די טאַטעס די קלוגע אין קיטלען אין ווײַסע,
אין קרוינען אין שוואַרצע אַף טראָגנען געבעטע,
די זיידעס די גרײַזע, די מ׳לאָכים פון געטאָ
דערציילט האָבן ווידער די אוראַלטע מײַסע:
— געלעבט האָט אַ גאַזלען אַמאָל אין מיצראַים...—
און יידישע מאַלקעס אין קליידער אין נײַע
געשוועבט האָבן גרינגע פון טישן צו טישן,
געשוועבט האָט פון הײַזער צו הײַזער אַ סאָד דאָ,

און ס׳זײַנען די ווערטער פֿון אַלטער האַגאָדע
געפֿאַלן פֿאַרוווּנדעט אַף ציכטיקע קישנס.

— „אַוואָדים האָיִינו" האָט ווידער געקלונגען —
מיר האָבן דאָס ברויט פֿון דער קנעכטשאַפֿט געשלונגען! —

פֿון ווינקל צו ווינקל, פֿון געסל צו געסל,
פֿון בוידעם צו בוידעם, פֿון קעלער צו קעלער
געשוועבט האָט אַ וואָרנונג — נע זאָל ניט פֿאַרגעסן!
עס קלינגען די קריסעס, עס קלינגען די טעלער,
ווי זיי וואָלטן וועלן באַהאַלטן, פֿאַרטריבן
די קאַלטע גראַנאַטעס און בעטן פֿאַרבעטע,
די פּראָסטיקע ביקסן, וואָס וואַרטן אין געטאָ,
פֿאַרשטעקט פֿון די בליקן, וואָס טאַפּן די שויבן.

„אַוואָדים האָיִינו" — מיר האָבן די פֿרײַהײַט
געקויפֿט ניט פֿאַר גאָלד, נאָר פֿאַר ליידן און טרויער.
אין הײַזער איז טונקל. ס׳ווערט גרויער און גרויער
דער אָוונט, וואָס האָט ווי אַ וואָלף זיך פֿאַרטײַעט
לעם שוועל פֿון דער געטאָ, לעם פֿינצטערן טויער,
און הערט שוין דעם שאָרך פֿון פֿאַרבאָרגענע רײַטערס,
און זעט שוין די צונגען פֿון קינפּטיקע שײַטערס.
ווען קומען אַ רעטער? ווען קומען אַ טרייסטער?
און אויב עס ווען קומען אַ נאָווי, ווי הייסט ער?

ט

ווען קומען אַ רעטער? ווען קומען אַ טרייסטער?
און אויב עס ווען קומען אַ נאָווי, ווי הייסט ער?

און אויב עס ווען קומען אַ רעטער, וואָס וואַרט ער?
עס קוקן די מאַמעס מיט אויגן מיט צאַרטע,
די טאַטעס פֿון געטאָ דערציילן מיט ציטער,
ווי ס׳האָבן געוויינט און געפֿרייט זיך די זיידעס,

די יידישע אויסיעס זיינען די איידעס
פון רעגעס, וואָס האָבן די דוירעס דערשיטערט.
און ס'שוועבן פאר אויגן מיט אומרו מיט נייעם
די בלוטיקע טייכן, די אוראלטע כייעס,
און ס'דוכט זיך, דער היישעריק טראָגט זיך פארביי דאָ;
און ס'דוכט זיך, עס קוואקען די פרעש שוין ניט ווייט דאָ...

עס זיינען די טונקעלע טירן שוין אָפן,
ווער קומען דער נאָווי? ווער קומען דער רעטער?
פונוואנען ווער קומען די הילף אין דער געטאָ —
פון מיזרעך? פון מייִרעוו? פון דאָרעם? פון צאָפן?
מע זאָגט „שפויך כאמאָסכאָ”. אין פינצטערע ווינקלען
גראנאטעס און קוילן באהאלטענע פינקלען...
מע זיצט און מע ווארט אפן רוף — דער ראקעטע,
וואָס דארף אָפ א ווייל נאָר א פלאם טאָן אין געטאָ...

עס זיינען די טונקעלע טירן שוין אָפן,
און גרייט זיינען נאָסן דעם שטורעם פארנעמען
און גרייט זיינען יידן ארויס פון די קלעמען...
עס פלאמט די ראקעטע, נאָר וואָס האָט געטראָפן?
וואָס איז פאר א רייטער די גאס דורכגעלאָפן,
די גאס פון דער געטאָ? די שרעקלעכע בסורע
איז גלייך מיטן שאָס מיטן ערשטן געקומען
צום סיידער צום ערשטן, זי האָט ווי א שטורעם
בא אָפענע טירן די שוועלן פארנומען,
ארופ אפ די טישן, ארײַן אין די אויגן
און טיף אין די הערצער מיט מוט זיך פארזויגן.

מ'האָט לאנג שוין פארענדיקט „אוואָדים האָיינו”,
מ'האָט לאנג שוין פארענדיקט. מע האלט שוין בא „הוידו”.
מע קאָן שוין איצט קיינעם אין שטוב ניט געפינען,
עס הילכן די ווענט, און די הימלען זיך הוידען.

און די, וועלכע האָבן געכויזעקט, געשפּעט דאָ,
פאַרגוואַלדיקט, געהאַרגעט, — באַצאָלן איצט טייַער!
מע שיסט אַפּ דער געטאָ, און ס'ענטפערט די געטאָ
אַפּ סינע מיט סינע, אַפּ פייַער מיט פייַער.

י

מע שיסט אַפּ דער געטאָ, און ס'ענטפערט די געטאָ
אַפּ סינע מיט סינע, אַפּ פייַער מיט פייַער.

עס האָבן זיך ביקסן מיט ביקסן צערעדט דאָ,
געשוימט האָט די געטאָ מיט סרייפעס מיט נייַע.
א פלאַם טוט א הייב זיך פון שוואַרצע פאַבריקן,
א פלאַם טוט א זעץ פון די שטיינערנע קוימענס,
און ס'טראָגט זיך דער אופרייַס פון בריקל צו בריקל,
מע קוקט אַפּ די סרייפעס: ס'איז ניט קיין כאַלוימעס,
דאָס האָבן די ייִדן א פייַער צעצונדן,
א פייַער, וואָס וועט פון דער ערד ניט פאַרשווינדן!

עס זייַנען געקומען די פריערכע טעוויטאָנען
צום סיידער צום ערשטן אַפּ ווידער דערמאָנען —
„אוואָדים האָיינו"... נאָר מ'האָט זיי באַגעגנט
מיט בליצן און דונערס. מיט בלייַ האָט געדעגנט
אין וואַרשעווער געטאָ. פון קעלערס, פון גאַנקעס
זיי זייַנען ארויס — די סטאָליאַרעס און שמידן,
די שטילע, די גוטע, די פּאָשעטע ייִדן,
מע האָט זיך געוואָרפן אַפּ ריזיקע טאַנקן
מיט מוירדישן מוט און מיט אייַזערנעם צאָרן.
די שנייַדער, די יונגע מיט בלייַ אַפּ די אָרעמס,
די וואַרשעווער שוסטערס מיט מעסערס אין טאַשן,
און זקיינים אפילע פון אַלקערלעכ שטילע —
זיי האָבן געטראָגן אין זעקלעכ פון טפילן
דעם טויט פאַר די סאָנים. מיט פלאַמען געוואַשן
זיי האָבן די גאַסן, מיט סרייפעס געאַקערט

די ווילדע כאַיאָלעס, וואָס האָבן געהוליעט
אין בריסל, אין ניצע, אין פּראָג און אין קראָקע,
עס האָבן די דײַטשישע טאַנקען געפּלאַקערט,
ווי ס'פּלאַקערן טרוקענע סטויגן אין יולי,
זיי האָבן געמיינט, אַז זיי לויפן נאָך האָזן,
נאָך אַלטע באַזיגטע, פאַרקנעכטעטע שוואָטים.

נאָר דאָ האָבן אַנדערע ווינטן געבלאָזן,
מיט נעכטן סטאַלינגראַדער האָט הייס דאָ געאָטעמט...
מיט פלאַמען געזעצט האָט פון יעטווידן ווינקל,
אַף יעטווידן טראָט האָבן מעסערס געפינקלט...
מיט בלײַ און מיט טויט האָט צעטײַנעט די וועלט זיך,
עס האָבן די יונגען אַף דעכער געשטעלט זיך,
ס'איז יעטווידער בוידעם אַ שוצגרוב געוואָרן,
און יעטווידער הויף האָט געפײַערט מיט צאָרן.
און ווער ס'האָט קיין ביקס אין דער האַנט ניט געהאַלטן,
האָט באָמבעס געגרייט אַף צעשמעטערן בריקן,
פון טויט האָט זיך קיינער שוין מער ניט באַהאַלטן.
און ווער ס'האָט קיין מעסער אין האַנט ניט געהאַלטן,
האָט אייגענע נעגל אַף וואַרגן און שטיקן...

עס זײַנען געקומען די ווילדע טעווטאָנען
מיט צלאָמים און שאַרבנס אַף זייערע פאָנען,
זיי האָבן געהאָפט, אַז דער וועג איז אַ גלאַטער,
און ווו נאָר זיי קומען — איז ציטער, און פלאַטער,
און קנעכטשאַפט, און טרערן, און קינדער-געשרייען,
זיי זײַנען געקומען נאָך וואָלווע טראָפייען,
נאָך שטילע קאָרבאָנעס, וואָס ליגן פאַרנורעט
און וואַרטן — דער טויט זאָל פון שאַנד זיי באַפרײַען...
נאָר ס'האָט אין דער געטאָ געשטיגן דער שטורעם,
געשמעקט האָט מיט מאָסקווע און ניט מיט מיצראַיִם!..

עס האָט „שפויכ כאמאָסכאָ" דער ווינט שוינ געזאָגט איצט,
אונ ס'האָבנ שוינ בלוטיקע טײַכנ געיאָגט איצט,
עס האָבנ פונ ווייטעק די שטערנ צעוויינט זיכ,
אונ ס'האָבנ האגאָדעס אלײנ שוינ געלייענט זיכ...

. . . .

ווי ביטער די פּײַנ איז פונ נאָכגיביק-שוואכ זײַנ,
אזוי איז זי זיס, אונדזער קראפט, פונ פאראכטנ,
ווי ביטער, ווי פּײַנלעכ איז שטויב אַפּ א שליאכ זײַנ,
פונ אלע געטראָטנ אינ פרי, אינ פארנאכטנ,
ווי ביטער איז לעבנ ווי קנעכט אונ זיכ נויגנ,
האכנאָעדיק טראָגנ די פלייצעס געבויגנ —
אזוי איז ער הייליק, דער אופקום, אינ שלאכטנ...

עס פאלנ די שטאָלענע כײַעס צעשמעטערט,
פונ דויכ אונ פונ ווייטעק דער הימל איז גרוי שוינ,
עס שיסנ די העלדנ פונ ווארשעווער געטאָ,
וואָס שטייענ ביז קני אינ דעמ בלוט פונ די קדושים.

יא

עס שיסנ די העלדנ פונ ווארשעווער געטאָ,
וואָס שטייענ ביז קני אינ דעמ בלוט פונ די קדושים.

עס פאלנ די דעכער ווי ליידיקע קוישנ,
אונ כורוועס אַפּ כורוועס, צעדרויבט אונ צעשמעטערט,
אינ וואלגער זיכ לייגנ אַפּ בערגיקע וועגנ,
אונ ס'שטורעמט פונ שטויב אונ פונ שטיינער א רעגנ.

אונ הויכ איבער כורוועס אונ הויכ איבער דעכער
די פאָנ פונ דער געטאָ אינ פײַערנ פלאטערט,
א פײַנטלעכע קויל האָט זי דרײַ מאָל געלעכערט,
נאָר זי האָט איר מוט אונ איר כיינ ניט צעפּאטערט
אינ טעג פונ ניסיוינעס. זי פלאמט אינ די הייכנ,
דער וויי האָט איר נעכטיקנ שטאָלצ ניט געבראָכנ,

זי היט אירע ווונדן ווי אייביקע צייכנס.
ווי צייכנס פון אומקום, פון צאַר און ביצאָכן,
זי פּלאַטערט מיט רום פון די זיידעס און טאַטעס,
מיט גווורע פון זין און מיט זויבער פון טעכטער.

דריַי ווונדן שוין בריִען דאָס לייַב פונעם וועכטער,
וואָס נעמט ניט אראָפּ פון דער פּאָן זייַנע אויגן,
אים האָבן דריַי ווונדן צו דר׳ערד שוין געבויגן,
נאָר ער שטייט ווי פריִער א שטאָלצער, א שלאַנקער,
ער שטייט ווי א פעסטונג, וואָס וויַיסט פון קיין וואַקל,
ער שטייט ווי א שיף אַף א מעכטיקן אַנקער,
ער שטייט ווי א שלאַכטמאַן — די פאָן איז זייַן פאַקל,
ער ציילט ניט דעם טראָט פון די לאַנגע מעסלעסן,
ער האָט שוין דעם טאַם פון א דרעמל פאַרגעסן,
צוויי טעג זייַנען שיקער פון דעמלט אַנטלאָפן,
ווען ס׳האָט אים די מאַמע געבראַכט עפּעס עסן...
האָט עפּשער א קויל שוין די מאַמע געטראָפן?
צוויי טעג, אַז ער זעט ניט דעם טאַטן אין געסל,
עס קומט ניט דער טאַטע, עס קומט ניט די מאַמע,
דער אומגליק האָט ביידע געפּאַקט שוין מיסטאַמע...

איצט שטייט ער אַליין אַפן הויכן באַלקאָן דאָ,
ער שטייט, ווייַל עס האָט אים די איידע געהייסן,
עס קומען שוין מער ניט די שוועסטער די בלאָנדע,
די ברידערלעך קומען שוין מער ניט. זיי ווייסן,
זיי ווייסן אַוואַדע, אַווו ער געפינט זיך.

איצט שטייט ער אַליין דאָ פאַרגרויט און פאַרפינצטערט.

דאָס וואַרשעווער ייִנגל איז ניט צו דערקענען,
עס זייַנען שוין גרוי זייַנע ייִנגלשע לאָקן,
צעאַקערט זייַן שטערן איז ווי בא א זאָקן,
און נאָר זייַנע אויגן אין פינצטערניש ברענען,

די אויערן הערן דאָס פּײַפֿן פֿון קוילן,
דעם יאָמער, וואָס טראָגט זיך אַרום איבער פּוילן,
די אויערן הערן נאָר קרעכצן, וואָס רײַצן,
און בריִען, און פֿאַלן אויף כורוועס דערוואָרגן.
די אויערן הערן נאָר שאָסן, וואָס קרײַצן
דעם טונקל פֿון אָוונט, די בלוי פֿון פֿרימאָרגן.
מע רײַסט נישט קיין קריִע, מע זעט נישט קיין טרערן,
אין טרוקענע אויגן דער אָפּשײַן פֿון שטערן,
מע זיצט נישט קיין שיווע. מע מאַכט נישט קיין מאָלעס,
דאָס קאָל פֿון די ביקסן דאָס אײנציקע קאָל איז
אין װאַרשעװער געטאָ. נאָר װאָלקנס אין הימל
און רויכן אויף ערדן זיך לאָזן אין גאָלעס.
אויס גאָלעס! אויס געטאָ! אויס שאַנד און אויס שימל!

עס שיסן די געסלעך, די גערטענער שיסן,
עס שיסן די טישן, די בענק און די דילן,
און ריקעס פֿון גאַסן צו גאַסן שוין פֿליסן,
און ס'מאָלן דאָס ברויט פֿון מילכאָמע די מילן...

אַמאָליקע צײַטן אין שלאַכט מיטן סוינע
פֿלעגט עמעצער פּרוּוון זײַן לעבן נאָך שוינען,
אַמאָל פֿלעגט אין הערצער נאָך קומען די מוירע,
אַמאָל פֿלעגט דער פּאַכעד זיך שפּיגלען אין אויגן,
דער טויט פֿלעגט די שרעק אין די הערצער געבוירן.
און ס'פֿלעגט די האַכנאָע די מוטיקייט בייגן...

נישטאָ אַזאַ שרעק, וואָס זאָל שלאַבעריק מאַכן
דאָס האַרץ און די האַנט פֿונעם וואַרשעווער ייִנגל,
ווען ס'פֿליִען אין אָפּגרונט אַפֿילע די שליאַכן,
וואָלט ער דאָ געבליבן. ס'קאָן קיינער אים צווינגען
אָט דאָ מיטן אויצער דעם גרעסטן זיך שיידן,
ער שטייט ווי אַ דענקמאָל, פֿון שטיין אַ געטאָקטער,

דעם שטאָלץ און דעם ווײ פון א דאָר איצטער טראָגט ער,
דער יונג מיטן זילבערנעם קאָפּ פון א זיידן.
ער שטייט ווי א דענקמאָל און קוקט אין דעם מאָרגן,
וואָס ליגט נאָך אין כאַשכעס פון צוקונפט פארבאָרגן.

יב

ער שטייט ווי א דענקמאָל און קוקט אין דעם מאָרגן,
וואָס ליגט נאָך אין כאַשכעס פון צוקונפט פארבאָרגן.

מיט נעפּלען באַלאַגערט, מיט ספּייקעס פארלאָפן,
געבענטשט איז דאָס מענטשלעכע אויג, ווען ס'איז אָפן
און זעט אין דעם שווינדל פון קאָכיקע שאָען
דאָס רויקע שווימען פון שפּעטערע יאָרן,
וואָס זעט דורך די פליגל פון נאַכטישע קראָען
די פּאַסיקלעך הימל, וואָס נעמען שוין קלאָרן;
געבענטשט איז דאָס מענטשלעכע אויג, ווען ס'איז אָפן
און זעט אויך די צייטן, וואָס זיינען פארלאָפן.
עס זיינען די געטאָס פארכאָלעמט געלעגן,
פארשליידערט פון ברייטע, פון ליכטיקע וועגן,
ווי ערגעץ אף טייכן פארבלאָנדזשעטע פליטן,
אזוי זיינען געטאָס אין אָוואר געלעגן.
עס פלעגן די וועלף אין זיי שארפן די נעגל,
דער טויט פלעגט זיי פּיעטען, די נאַכט פלעגט זיי היטן.

די שאַנד איז אין פּריליגנס געווען זייער רעגן,
די שאַנד האָט אין ווינטערס דעם שניי זיי פארביטן.

אמאָל נאָך פלעגט קומען א בליץ אָן א דונער,
אמאָל נאָך פלעגט קומען א שטראַל אָן דער זון נאָר,
א שטראַל פלעגט א בליץ טאָן אין כוישעך אין בלינדן,
אמאָל נאָך פלעגט פּינקלען א שווערד, נאָר אָן שארפן,
אמאָל נאָך פלעגט קומען א ריז און זיך וואַרפן
אין טהאָמען פון דורעס אף שוין ניט פארשווינדן.

א דימענטן־שלײַפער פון האָלאַנד פון ווײַטן,
פון רײַן א באנקיר מיט א ליידיקן בײַטל,
פון פינצטערן קעלער פלעגט קומען א גאָען,
א לויכט טאָג און פאלן אָפ שפּײַז פאר די קראָען,
א שמיד, וואָס האָט קיינמאָל זײַן קאָפּ ניט געבויגן,
א בעטלער מיט קלאָרע נעווײַשע אויגן,
א פּאסטעך א זינגער פון ליבע און צאָרן,
א שלעפער, וואָס איז א מאָשיעך געוואָרן,
א ײִדישער גאַזלען — א קאפּצן, אָן אוישער
אין וועלדער פּאָלעסיער. אין נעסטן פון כוישעך
איז לויטער געוואָרן פון ליכט און פון גוורע,
און ווײַט האָט דאָס ליכט איבער לענדער געשפּרייט זיך,
נאָר ס'האָט מיט די גופים די גוורע געשיידט זיך,

און גיך האָט די געטאָ די אויגן פארזשמורעט
און ווידער געקניט פאר דער אלטער פּרינצעסן,
דער נויט — דער פארשאָלטענער בײַטש פון די יאָרן,
און ווידער געשלונגען פון ליידן דעם צאָרן,
און ווידער דאָס ברויט פון האַכנאָע געגעסן.

אזוי איז געווען אין די טעג פון פארצײַטן,
נאָר מענטשן זיך בײַטן און צײַטן זיך בײַטן...

מע שיסט פון דער געטאָ. און ס'טראָגן זיך פלאמען
ווי בסורעס פון אומקום, פון טויט און פון וואונדער,
עס טראָגן זיך פלאמען דורך דוירעס באוואונדער...
ווי שטאָלצע שעלוכים אין בלוט-רויטן סאמעט —
צום יאָמטעוו פון פרײַהײַט, מע שפּאנט ניט באוואונדער —
אין גליק און אין אומגליק קאָן קיינער ניט שיידן
די העלדן: דעם אייניק, דעם זון און דעם זיידן...
עס טראָגן זיך העלדן, באקרוינטע מיט פלאמען,
איז ווער קאָן זיי איצט שוין די וועגן פארצאמען?

יג

עס טראָגן זיך העלדן, באַקרוינטע מיט פלאַמען,
איז ווער קאָן זיי איצט שוין די וועגן פאַרצאַמען?

וווהין איז דער וועג איצט? צום טויער פון פרײַהײַט?
צום שמאָלן און פינצטערן טירל פון קייוועַר?
מע שפּאַנט און מע פרעגט ניט. מ'איז שטיל און פאַרטײַעט,
אַמאָל נאָר אין גאַנג טוט אַ שטילן געשריי ווער.
מע שפּאַנט און מע רעדט ניט. אין נאַכט שעמערירן
די קנעפּ אויף די דײַטשישע נײַע מונדירן,
און ס'קלאַפּן די דײַטשישע שווערע אָפּצאַסן
אין טויבע פאַרוואונדעטע וואַרשעווער גאַסן.

די נאַכט אויף די דעכער און טרעפּ אַ צעפליקטע,
און יעטווידער שאָס טוט אַ שניט ווי אַ מעסער.
וווהין איז דער וועג איצט? אַ פינצטערער ליגט ער
און פירט צו דער טפיסע מיט ריזיקע שלעסער.

דער „פּאַוויאַק" שטייט אין דער נאַכט אַ פאַרקלערטער,
ער שטייט ווי אַ ספינקס, אַ פאַרטרוימטער, אַ שטומער,
די ווענט זײַנען היטן פאַרלאָרענע ווערטער,
ווי לעצטע סימאָנים פון מענטשלעכן זומער,
פון זומער, פון האַרבסט און פון פרילינגס פריִע,
פון מוטיקן „זײַ געזונט!" ערעוו דער תּליִע...

אַ שאָט האָט די לופט די פאַרסאַמטע צעריסן.
אַ צווייטער... אַ דריטער... עס קרייצן זיך קוילן,
און דרוכן מיט דויכן לעם טפיסע זיך קנוילן,
אָט האָט שוין צעפראַלט זיך דער טויער פון טפיסע...

מונדירן, מונדירן, מונדירן, מונדירן,
עס גרילצן די שטײַגן, עס קלאַפּן די טירן...
די שלוחים פון געטאָ אין דײַטשע מונדירן,
די וועכטער — זיי פלאַצן, די וועכטער קראַפּירן.

מונדירן, מונדירן, מונדירן, מונדירן.
די געסט פון דער געטאָ אין דײַטשע מונדירן,
און אַלע „פאַרברעכער“ אין דײַטשע מונדירן.
דעריקער איז שיסן! קיין צײַט ניט פאַרלירן!
ס'איז גוט, וואָס עס לעבט נאָך א נאַכט אַף דער וועלט דאָ.
עס דוכט, אַז די נאַכט האָט אַליין זיך פאַרשטעלט דאָ.
און שלעפּט א מונדיר איבער שליאַכן א נײַעם
אַף העלפן די העלדן פון טפיסע באַפרײַען!

עס גייט א גערודל. פון וועמען מיט וועמען?
מע קלינגט אין די שטאַבן, עס רוישט ווי אין געזעמס
מיט שמאָלינקע סטעזשקעס. מע יאָגט זיך פונדאַנען.
מע יאָגט זיך אַהערצו מיט שליאַכן מיט ברייטע.
א גאַס ניט קיין גאַס איז — א פעלד מיט קורגאַנען.
עס טראָגן זיך שאָטנס מיט קאַמערס צעשיידטע.
דער וועג פירט אין געטאָ. באַפרײַטע פּאָליאַקן
און ייִדן באַפרײַטע. מע טראָגט זיך אינאיינעם,
די טירן די לעצטע די העק שוין צעהאַקן,
און פוסט ווערט די טפיסע. אַף בלוטיקע שטיינער
עס ליגן די וועכטער. די אויגן פאַרשלאָסן.
און רײַך ווערט די געטאָ מיט נײַע סאָלדאַטן,
עס וואַקלט זיך וואַרשע פון גוואַלדן און שאָסן
פון טאַנקען, וואָס ברענען פון דולע האַרמאַטן,
פון סריפעס, וואָס הודען און בײַטשן און קנאַלן,
פון גווערע, וואָס רײַסט אין די געטאָ-קוואַרטאַלן.

און הויך, אויבן דאַך פון דער טפיסע, באַנאַכט דאָ
די פאָן פון דער געטאָ וואַקסט אויס א דערוואַכטע.
זי פלאַקערט און וויגט אין דער פינצטערער נאַכט זיך,
און ס'דוכט, אַז דאָס וואַרשעווער ייִנגל באַוואַכט זי...

— געקאָמע! איין ווונטש גליט אין אונדזערע שאַרבנס,
איין טרוים נאָר — די פאָן פונעם פאָלק זאָל ניט שטאַרבן!

יד

—נעקאָמע! איינ ווונטש נאָר אינ אונדזערע שארבנס,
איינ טרוים נאָר—די פאָנ פונעם פאָלק זאָל ניט שטארבנ!

די שאָטנס פונ געטאָ—זיי שוויַגנ, זיי שוועבנ,
זיי ווילנ ניט שטארבנ און קאָנענ ניט לעבנ.
א היים איז די אָרעמע נאקעטע וועלט זיי,
די וועלט און דער מענטשלעכער שוואכער זיקאָרנ,
דאָס פלאמיקע, קאָכיקע שלאכט-פעלד נאָר פעלט זיי,
זיי האָבנ אינ שלאכט דאָס געווער ניט פארלאָרנ,
זיי קומענ באנאכט, און זיי וועקנ און רופנ,
זיי קומענ ווי טוישווים, זיי קומענ ווי שכיינים,

זיי האָבנ אינ ווארשע פארלאָרנ די גופים,
און ס'דוכט זיך, זיי זיַנענ שוינ אלע אלציינע,
דער שויכעט מיט גילדענע פייעס ווי רענדלעך,
דער בעטלער, וואָס פלעגט מיט א טאָרבע זיך שלעפנ,
דער דיכטער מיט טרוימענ, וואָס זיַנענ אומענדלעך,
די באבע מיט שפיזלעך אפ הילצערנעם טרעפל,
דאָס ייִנגל מיט פריילעכע בסורעס פונ כיידער,
די קאלע אינ וויַסע, אינ זויבערע קליידער...
די שאָטנס פונ געטאָ באגלייטנ מיך שטילע,
ס'טראָגט איינער א קלאָלע אינ אויגנ צעשטראלטע,
דער צווייטער א בענטשונג, דער דריטער א טפילע,
דער פערטער א האָפנונג אפ ליפנ אפ קאלטע...

און ווי איך פארלאָז נאָר די געטאָ די טויטע,
קומט ווידער דאָס ווארשעווער ייִנגל צו לויפנ—
א שאָטנ—אפ שליאכנ פארלאָזטע, פארגרויטע,
ער שלעפט מיך צוריק צו די ווארשעווער הויפנ,
און קומ איך צוריק אינ דער געטאָ, אנטשטייט ער
פונ כורוועס און אש פונ צעריסענעם פוילנ,
א פולער מיט לעבנ, צו שלאכטנ א גרייטער,

אפ דעכער אפ הויכע א מונטערער שטייט ער,
ווי מ'האָט אים איגן אָנהייב פון אופשטאנד באפוילן.

איך קוק אפ זײַנע הויכקײַט און פיל זיך דערהויבן,
עס הייבט אונדז דאָך ביידע איין מוט און איין גלויבן,
איך קוק אפ זײַנע הויכקײַט און פיל זיך דערשלאָגן
פאר דעם, וואָס עס טליִען נאָך נישטיקע פלאָגן,
פאר דריבנינקע טרוימען, וואָס קומען נאָך זעלטן
פון אלטע פארגאנגענע נישטיקע וועלטן...

איך גיי נאָך שפאצירן. איך זינדיק. איך שמייכל,
איך בין נאָך מעקאנע מײַן פרײַנט, וואָס איז פריילעך,
איך וויל נאָך, מײַן נאָרע זאָל ווערן א הייכל.

די בליקן פון אומפרײַנט פון נישטיקע צייל איך,
איך צייל נאָך די שטעך פון די נאָדלען, ווען שווערדן
פון סאָנים פון גרויסע אין בלוט מײַנס זיך שווענקען,
איך לײַד נאָך פון קרענקלעכן קליינלעכן בענקען
נאָך ווײַסקײַט פון קישנס. וואָס שווײַגן די ערדן?
ווי קאָנען זיי טראָגן דעם אומגליק דעם גרויסן,
די טליִעס, די קוואָרים, די שטומע געשרייען,
דעם זומערס צעשאָסענעם בלוטיקן דרויסן,
דעם ווינטערס צעטראָטענע בלוטיקע שנייען?
וואָס שווײַגן די שלאקסרעגנס אלע, וואָס שווײַגן,
וואָס קומען זיי ניט ווי א מאבל פארשווענקען
די הערצער די זאטע, וואָס ליגן אין שטײַגן
מיט זייער פארוויאנעטן קליינלעכן בענקען?

וואָס שווײַגסטו, וואָס רעדסטו ניט, ווארשעווער ייִנגל,
איך זוך דײַנע אויגן, וואָס קוועלן ווי גינגאָלד,

וואָס ציט דיך צוריק צו דעם בערגל דעם קאלטן,
ווער ליגט דאָרט אין קייווער אין פײַכטן באהאלטן?
דו ביסט נאָך באפליגלט מיט פליגל מיט גרינגע,

וואָס שטייסטו, וואָס גליווערסטו, וואַרשעווער ייִנגל?
דו ווייסט אַלע לידער, וואָס וואַרשע פלעגט זינגען,
וואָס שטייסטו, וואָס גליווערסטו, וואַרשעווער ייִנגל?
דו קענסט אַלע סעדער, וואָס האָבן געבליט דאָ,
דו ווייסט אַלע סוידעס, וואָס וואַרשע פאַרהיט דאָ.
שטיי אויף! הער, עס שאַלט שוין דער אויסלייזונג-האָרן,
דו דאַרפסט ניט קיין מיטע, דו דאַרפסט ניט קיין אָרן.
קום דורכגייען ווידער די וועגן די לאַנגע,
ווו דו ביסט אַמאָל אַזאַ שיינער געגאַנגען,
קום ווידער אַרויף אויפן מויער דעם הויכן,
קום הייבן די פאָן איבער טרייפעס און רויכן.
שטיי אויף! ס'קאָן ניט זײַן, אַז איין טאָג פון ניצאָכן
זאָלסטו בײַ די טישן די ברייטע ניט זיצן,
דײַן טרוים ווי אַ צווײַגל זאָל ליגן צעבראָכן,
דײַן יוגנט זאָל אויף די יאָמטויווים ניט בליצן,

איז ווער וועט פאַרבײַטן די טאַטעס, די זיידעס
און ווער וועט די לוכעס פון יוישער דערטראָגן?
דער מישפּעט איז נאָענט, און דו ביסט דער איידעס,
און דו ביכט אַ שויפעט. די שאָ האָט געשלאָגן!

טו

דער מישפּעט איז נאָענט, און דו ביסט דער איידעס,
און דו ביסט אַ שויפעט. די שאָ האָט געשלאָגן.

וואָס שווײַגסטו? וואָס שווײַגט איר? אויב איר וועט ניט זאָגן,
איז ווער וועט דערציילן דעם סאָף פון אַן איידע,
וואָס איז מיט איר ליכטיקן אומקום געוואָרן
אַ שטערן אַ נײַער אויף הימלשע קלאָרן?

וואָס שווײַגסטו? וואָס רעדסטו ניט, וואַרשעווער ייִנגל?
די וועלט האָט דאָך שפּראַכן באַשאַפן אַזויפיל!
איך ווייס: דײַנע ווערטער, וואָס פלעגן ווי גינגאָלד
צעשפּילן זיך, פלאַטערן, פיבערן, לויפן, —

זיי זײַנען אין קלעמען, זיי זײַנען אין צוואנגען,
און עפּשער האָט אויך זיי דער טאַליען געהאנגען.

די וועלט האָט דאָך שפּראכן אזויפיל באשאפן,
און ס׳טרעפט, אז אין וואָכיקן שלעף פון די וואָכן
די שטומקייט פון שיפן פון טויטע בא האפנס
רעדט מער ווי דער שטורעם, וואָס האָט זיי צעבראָכן.
עס טרעפט, אז א האָרבסטיקער גאָרטן אין דרעמל
מיט שטילער, מיט גאָלדענער בענקשאפט בארעמלט,
רעדט מער פון א דורשיקן טײַך פון א שרײַער,
א ביסעלע אש אפ פארבראָכענע פינגער
רעדט שטארקער אמאָל ווי דאָס ברוזיקע פײַער.

וואָס שווײַגסטו, וואָס רעדסטו ניט, ווארשעווער ייִנגל?
דו ווײסט דײַנע סוידעס פון מיר ניט באהאלטן,
כ׳וועל לויפן אין ווארשעווער סעדער אין אלטע,
אין סעדער מיט שטעכיקע דראָטן בארינגלט,
ווו זײַנען די סעדער? עס ציִען זיך טליִעס
און מענטשן און מענטשן, מיט בלײַענע וויִעס,
מיט גלעזערנע אויגן... די ווארשעווער סעדער...

עס הענגען באנאנד דאָ דער ראָוו און דער בעדער,
דער אוישער, דער בעטלער, די שנור און די שוויגער,
זיי זײַנען ווי געסט פון א וועלט א ניט היגער.
זיי הענגען און קוקן, זיי הענגען און שטומען,
זיי הענגען און ווארטן, דער קאברען זאָל קומען,
נאָר ס׳קומט ניט דער קאברען, ער הענגט אפ א דעמבל.
און ס׳שיט זיך די ערד פון זײַן כאקענעם העמדל.

אָט שטייט אינעם שאָטן א בוים א צעשפרייטער,
א ייִד מיט א זילבערנער באָרד מיט א ברייטער,
א שפּיץ פון דער באָרד אין די ציינער פארביסן,
דעם זילבערנעם קאָפּ צו דעם הימל פארריסן —

די אויגנ פארגליווערט. די הענט אפ די לענדנ,
די ליפּנ צו ערד און צום הימל זיך ווענדנ,
ווי ס'וואָלט זיך זיי וועלנ א סאָד צו פארטרויענ
דעם נאָענטסטנ שאָכנ, דעם שוויַיגער דעם גרויענ —
דעם גרויסנ בונטאר און דעם קאפּצנ דעם גרויסנ,
וואָס וויגט זיך א שטילער. און ס'רוישנ די שטאנגענ:
דער פֿיַינט האָט געטייט און געהאנגענ אָנ אויסנאם.
— ווענ פּערעצ זאָל לעבנ, וואָלט פּערעצ געהאנגענ!

ווענ דאָס איז א כאָלעם, וואָלט ער זיך צערינענ,
אינ ווארשעווער סעדער קאָנט איר אים געפינענ,
דעם כאָלעם דעם וויסטנ. זיי הענגענ אפ שטאנגענ.
ס'טראָגט איינער א שוסטעריש רעקל מיט לאטעס,
דער צווייטער — א שווארצע קאפּאָטע א לאנגע,
ווי אונדזערע זיידעס, ווי אונדזערע טאטעס;
ס'טיַיט איינער מיט גראָבע, מיט שוסטערשע פינגער,
דער צווייטער — מיט פינגער אפ מישנ די ספאָרים,
ס'זוכט איינער אינ צווייטנ א האָפענונג, א גלויבנ,
וואָס זאָל אונדזער אלעמענס אומגליק פארטויבנ.
זיי האָבנ די טויטע גערופנ פונ קוואָרים
צום אופשטאנד אינ שלאכט קעגנ שיידים-באצווינגער,
און ווענ מ'האָט אינ ווארשעווער געטאָ געשאָסנ,
האָט אויך זייער שטומקיַיט אינ שלאכט זיך געגאָרנט...
איז זאָל זיי דער טויט פונ דער ערד ניט פארשטויסנ,
און זאָלנ זיי הויך זיַינ אינ פאָלק אינעם גרויסנ.

טז

איז זאָל זיי דער טויט פונ דער ערד ניט פארשטויסנ,
און זאָלנ זיי הויך זיַינ אינ פאָלק אינעם גרויסנ.

אָט דאָס איז דער קייווער. דאָ ליגנ זיי אלע:
דער טאטע, די מאמע, דער כאָסנ, די קאלע.

די פרײַנט און די סאָנים — זײ ליגנ אײנײנעמ,
זײ ליגנ װי גלײַכע, זײ ליגנ װי שכײנימ,
און ס'דארפ שוינ דאָ קײנער בא קײנעמ ניט באָרגנ,
און ס'דארפ שוינ דאָ קײנער פאר קײנעמ ניט זאָרגנ.
די ערד האָט פארגלײַכט זײ, מע ליגט דאָ אַלצײנע:
דאָס קינד פונעמ װיגל, די גרײַז-גרױע זקײנע,
דער נאר און דער כאָכעמ, דער דאָקטער, דער כױלע —
זײ ליגנ דאָ אַלע געלעסטערט, געקױלעט.
דאָס בלוט זײערס קאָכט איבער גאסנ געפלעטע,
דער מארכ ליגט צעטראָטנ אפ כורװעס פונ געטאָ.

דער מענטשלעכער מױעכ מיט ערד א פארמישטער,
די פרוכט זײַנע פלעגנ די אוצרעס פארמערנ,
ער ליגט דאָ א טױטער — דאָס װילדגראָז דערפרישט ער,
באשערט איז אים טרוקענע זאנגענ דערנערנ
װי מיסט, װאָס מע האָט אפ די פעלדער פארלאָרנ,
װי הנוי, װאָס מע ברענגט אפ צו שפּײַזנ דאָס קאָרנ...
ער שפּרײט זיכ אפ כאָרעװע װענט א צעשפּריצטער,
אפ גאנקעס — די שפורנ, אפ טרעפ זײַנע טראָפּנס,
אינ נעכט אפ די שטערנ די זילבערנע בליצט ער
און שטובט אפ די קישנס בא מערדער צוקאָפּנס...
דער מארכ פונ די מענטשנ — אפ שוימיקע פלאמענ,
אפ פלעצער פונ רוימ און אפ גאסנ מאדרידער,
אפ ברעגנ פונ רײנ און אינ רױכ אמסטערדאמער,
עס הײבט זיכ זײַנ גײַסט מיט די פלאמענ געברידערט...
עס האָבנ אימ ראָצכימ אפ שפּיזנ געטראָגנ,
זײַנ קראפט האָבנ ראָצכימ אפ טליִעס געװאָרגנ,
און ער האָט געבראָדיעט פונ װאָגל צו װאָגל,
פונ װיגל צו װיגל, פונ מאָרגנ צו מאָרגנ...

דער מענטשלעכער מארכ איבער װענט א צעשפּריצטער,
דורכ יאָרנ, דורכ דורעס אינ דימענטנ בליצט ער,

מע טרעט אימ ווי זאמד, נאָר זײַנ אומרו מע צערטלט,
ווי גילדענע אויצרעס מע היט אימ, מע כאָוועט,
מע קושט אימ, מע קרוינט אימ מיט רומ אונ מיט קאָוועד,
מע האקט אימ מיט העק אונ אפ פלעצער מע פערטלט,
מע האלט אימ אינ סייפנ, מע פאָרשט אימ, מע פרישט אימ,
מע וויקלט אינ זונ אימ, מע וויקלט אינ ווינט אימ,
מע טאנצט אפ זײַנ אש ווי די רויבער, די פלישטימ,
מע זעצט אימ אפ טראָגנ, מע ווארפט פאר די הינט אימ.

. . . .

. . . .

די שאָטנס די שטאָלצע פונ ווארשעווער געטאָ —
זיי לעבנ אינ אונדז מיטנ בראָכ, מיטנ ווייטעק,
אונ ניט ווי קיינ נעפלענ אינ רויִקע שניי-טעג,
אונ ניט ווי קיינ בליצנ אפ הארבסטיקע בלעטער,
אונ ניט ווי קיינ כפינקסנ פונ שטיינער געטעסעט —
זיי לעבנ ווי שפורנ פונ גנאָד אונ פונ כעסעד,
ווי פונקענ, וואָס וועלנ פארלאָשנ ניט ווערנ,
ווי פאנצערס געוועבטע פונ מוט אונ פונ טרערנ.
פונ שײַטערס דער רויכ זייער אייביקער דאכ איז,
נעקאָמע פאר פײַנ — זייער פינצטערער נאכעס...

יז

פונ שײַטערס דער רויכ זייער אייביקער דאכ איז,
נעקאָמע פאר פײַנ — זייער פינצטערער נאכעס.

עס שפרייט זיכ די נאכט ווי א ריזיקע מיטע,
נאָר ס׳בלענדנ אפ גאסנ נאָכ בליצנ צעגליטע,
אונ ס׳הילכנ נאָכ שאָסנ אינ געסלעכ געשמידטע,
אונ ס׳ענטפערנ שאָסנ אינ געטאָ פונ ליטע.
אונ ס׳ענטפערנ שאָסנ פונ וועלדער פאָלעסיער,
פונ בערג יוגאָסלאווער, פונ גריכישע ערדנ,
די גאסנ פונ ריגע — ווי בליציקע מעסערס,

2—1924

די ראָגן פון פּראָג — ווי די שפּיצן פון שווערדן,
און ס׳לויכט איבער אַלע דער רום און די גוורע
פון שלאַכט אַף דער וואָלגע, פון רוסלאַנדס באַגנעטן,
פון יענעם געבענטשטן און שלאַקסיקן שטורעם,
וואָס קומט נאָכן שניטער אין זומער אין שפּעטן...

די שאָטנס פון געטאָ — זיי בלאָנקען ווי שניטער,
ווי שניטער, פאַרשניטן אין גרויסן געוויטער,
זיי בלאָנקען און ווייסן: דער טויט איז אַ ליגן.
פאָרויס גייט אַ זאָקן, דער קאָפּ דער געניטער.
דאָס וואָרט פונעם זאָקן איז הייליק געוואָרן.
געזאָגט האָט דער זאָקן: — אויב בלײַבן וועט הונדערט,
זאָל ברענען אין הונדערט פון דוירעס דער צאָרן;
און ווער ס׳וועט נאָר בלײַבן פון זיי אָפּגעזונדערט,
פאַרשאָלטן זאָל ווערן אַף אײביקע יאָרן!

— אויב בלײַבן וועט פּופּציק, — געזאָגט האָט דער זאָקן, —
זאָל פלאַמען אין פּופּציק פון דוירעס די סינע,
דער קאַמף זאָל ניט שטילן אַף טרעפּ און אַף שטאָקן,
אין קעלערס, אַף שוועלן, אַף דעכער אַף גרינע,
און אויב ס׳וועט אַ צענדליק פאַרבלײַבן אינגאַנצן,
פון וואַרשעווער ייִשעוו אַ צענדליק אינגאַנצן,
פון פּוילישע ייִדן אַ צענדליק אינגאַנצן,
פון ייִדישן שטאַם נאָר אַ צענדליק אינגאַנצן,
זאָל דעמלט דער מיניען מיט קראַפט אין די אָרעמס
ניט קומען די קוואָרים מיט זיפצן באַקראַנצן,
זאָל דעמלט דער מיניען אַף אונדזערע קוואָרים
ניט קומען קיין טרערן קיין הייסע פאַרגיסן.
אויב ס׳וועט נאָך אַ צענדליק אינגאַנצן פאַרבלײַבן,
זאָל גליִען פון דוירעס אין זיי דער געוויסן,
און זאָל דער געוויסן פון דוירעס זיי טרײַבן
אין בייזע געשלעגן, אין לעצטע געשלעגן.

און אויב ס׳וועט אין זייערע ייִדישע נעגל
איין קוילער כאָטש פּאַלן דערשטיקט און דערוואָרגן
און וועט ניט דערלעבן דעם אָנפאַנג פון מאָרגן,
וועל איך אינעם קייווער די זין מײַנע בענטשן,
די בראָכע פון גאָט און די בראָכע פון מענטשן,
זאָל לויכטן אין זייערע הייליקע נעמען.
און אויב ס׳וועט פון פײַער, פון שלאכט און פון קלעמען
זיך ראטעווען איינער... איין ייִד וועט פארבלײַבן,
טאָ זאָל ער דעם אומגליק פאר דורעס באשרײַבן...
דורך פלאמען געפּענטעט, דורך רויבער באַרינגלט,
געבליבן איז איינער — דאָס וואַרשעווער ייִנגל.

יח

דורך פלאמען געפּענטעט, דורך רויבער באַרינגלט,
געבליבן איז איינער — דאָס וואַרשעווער ייִנגל.

אָט דאָ ערשט ניט לאנג, אפן וועג דעם באנײַטן
פלעגט ער מיט די ייִנגלעך אַף בעזעמער רײַטן,
אַף שטומע, אַף הילצערנע פערדלעך זיך טראָגן,
זיי פלעגן מיט הילצערנע שווערדלעך זיך שלאָגן,
און שפּרינגען און זינגען אַף שטויביקע וועגן,
זיי האָבן געטרוימט וועגן גרויסע געשלעגן
מיט עמעסע ביקסן און עמעסע שפּיזן,
ווי עמעסע גרויסע סאָלדאטן, ווי ריזן...

ווי גיך האָט די פריילעכע שפּיל זיך געענדיקט,
ווי גיך איז די גאָלדענע קינדהײַט אנטלאָפן,
זײַן יוגנט האָט אים אפן שיידוועג געטראָפן
און האָט אים געבענטשט מיט איר אומזין, ווי שטענדיק,
וואָס האָט ניט קיין אָנהייב און האָט ניט קיין סאָפן...

עס ציִען זיך טעג ווי כאדאָשים, ווי יאָרן,
ער איז פאר דער צײַט שוין א יאָסעם געוואָרן

און ווייסט נאָכ אַלײנ ניט, אַז ער איז שוינ איינער,
אַז ער איז אַלײנ נאָר, פונ שטאַמ אָפּגעריסנ,
אַז קומענ צו אימ וועט שוינ קיינער ניט, קיינער,
אַז ער איז די קראַפט און דער ריינער געוויסנ
פונ זיידעס און טאַטעס, וואָס האָבנ פאַרטרויט אימ
אַזוינס, וואָס עס דראָט ניט אַפילע דער טויט דעמ...

ער שטייט, מ'האָט דרײַ טעג ניט געבראַכט שוינ קײנ ברויט אימ...

ניט ברייט און ניט ווײַט איז דער וועג צו דעמ טויער,
ווו ס'איז נאָכ געבליבנ אַ זייכער פונ לעבנ:
די פאָנ און דאָס ייִנגל. ס'ווערט גרויער און גרויער
דער קאָפ בײַ דעמ ייִנגל. מ'האָט נעכטנ זײַנ רעבנ
אָפּ פּיקעס געטראָגנ. אינ אָוונט אינ שיינעמ
ווערט גרויער די פאָנ מיטנ ייִנגל אינײינעמ...

עס ליגנ די העלדנ אָפּ טרעפּ און אָפּ שוועלנ,
אינ אַלקערס, אינ קיכנ זיי ליגנ צעצויגנ
און קוקנ מיט קאַלטע פאַרגליווערטע אויגנ,
און ס'טראָגנ זיכ דײַטשנ און פילדערנ, קוועלנ,
זיי פליִענ צומ שטאָק צו דעמ העכסטנ, ווו ס'ווייט נאָכ
די פאָנ און דער וועכטער דער נעכטיקער שטייט נאָכ!..

אָפּ גאָרנס פאַרבלוטיקטע הילכנ אָפּצאַסנ,
און ס'פלאַטערט די פאָנ לעמ דעמ ייִנגל דעמ בלאַסנ.
וואָס האָט ער נאָכ איצטער? וואָס קאָנ ער פאַרלירנ?
צוויי קוילנ פאַרמאָגט ער בלויז פלינקע און גרייטע:
איינ קויל פאַרנ סוינע, פאַר וועמענ די צווייטע?
ער האָט שוינ באַשלאָסנ. מע קלאַפּט אינ די טירנ.
די טירנ פאַרזיגלט, פאַרקייטלט, פאַרשלאָסנ.
ער זעט, ווי צוויי שיידימ זיכ טראָגנ פאַרבײַ דאָ,
אָט דאָרט אָפּ דער ערד, ווו זײַנ בלוט האָט געפלאָסנ,
צוויי שיידימ באַקוקנ די לעצטע געבײַדע —
די פעסטונג די לעצטע פונ וואַרשעווער געטאָ.

צוויי דײַטשן פֿאַרהײבן די שוואַרצע פּיסטוילן
צו זון־שטראַלן לעצטע, צו וואָלקנס צו שפּעטע.
צום גרויליקן, פּראַכטיקן הימל פֿון פּוילן,
און בײדע אין פּאַן פֿון דער געטאָ זײ צילן,
און טייטן דאָס וואַרשעווער ייִנגל זײ ווילן.

וואָס האָט ער נאָך איצטער? וואָס קאָן ער פֿאַרלירן,
צוויי קוילן פֿאַרמאָגט ער געשיקטע און גרייטע,
עס קלאַפּן אָפּצאַסן, מע שיסט אין די טירן.
וואָס האָט ער נאָך איצטער? די פּאַן די צעווייטע,
וואָס ער איז איר אײנציקער וועכטער געבליבן.
וואָס האָט ער נאָך איצטער? עס ציטערט דאָס שטיבל.
א שאָס און א צווייטער, און ס׳קערן זיך איבער
די דײַטשן און פֿאַלן אַרײַן אין די גריבער,
וואָס זײ האָבן אָקאָרשט פֿאַר ייִדן געגרייט דאָ
אַף כמאַריקע גאַסן פֿון כמאַריקן פּוילן.
דאָס וואַרשעווער ייִנגל געהאַט האָט צוויי קוילן,
אײן קויל פֿאַרן סוינע. די צווייטע — די צווייטע...
און איצט האָט ער גאָרניט. ס׳באַרינגלען אים קראָען.
דער טויט איז זײַן לעבן, די פּאָן — זײַן צוואָע.
זי איז זײַן ירושע, זײַן אויצער, זײַן האָפֿן,
מיט איר איז זײַן וועג צו דער אייביקײַט אָפֿן!

יט

זי איז זײַן ירושע, זײַן גלויבן, זײַן האָפֿן,
מיט איר איז זײַן וועג צו דער אייביקײַט אָפֿן.

די פּאָן פֿון דער געטאָ זײַן אײנציקע טרייסט איז,
און נאָר זײַן געוויסן דער ייִנגלשער ווייסט עס...

און אויב נאָר עס אָטעמט נאָך עמעצער ערגעץ,
באַפֿרישט שוין זײַן אָטעם די נאַכט און די בערג איצט,

באפרישט איצט זײַן אָטעם פונ ביימער די בלעטער,
די האנט זײַנע ליגט אפ דער ביקס דער געטרײַער,
די ליפּ זײַנע בענטשט דאָס גערעכטיקע פײַער.

אונ דאָ אפ די כורוועס פונ ווארשעווער געטאָ
לעמ העלדנ געטייטע, בא קוואָרימ בא פרישע,
בא הײַזער פארברענטע, בא פענצטער צעזעצטע
לעבט איינער — דאָס ווארשעווער יִינגל דאָס לעצטע.

די גאנצע יערושע פונ ווארשעווער יִישעוו
געהערט איצטער אימ נאָר — די לײדנ אונ פריידנ,
דעמ אייניקלס שמייכל, דער גלויבנ פונ זיידנ,
די הייליקע ווונדנ, די אוולעס, דער יוישער,
פונ יאָמטעוו די זונ אונ פונ געטאָס דער כוישעכ...
די צײַט פליט מעשוגענערווײַז פאר די אויגנ,
עס האָט פארנ הארצנ אימ עפעס געצויגנ,
זײַנ היימ מיט די אלטע געלאטעטע שויבנ
האָט איצט אימ געצויגנ? די פריילעכע טויבנ,
וואָס האָבנ געוואָרקעט אפ דארע אקאציעס?
דער שיקערער מארק, ווו דער רוישיקער פלאצ איז
פארדרייט אונ פארהאוועט געווענ מיטנ האנדל?
וואָס ציט אימ אצינדער? דער שטאָטישער גאָרטנ,
דער פלויט מיט די שווערע, די בראָנזענע ראנדנ?
וואָס דארפ ער אהינצו? וואָס האָט ער איצט דאָרטנ?
וואָס ציט אימ פונדאנענ? די יִינגלעכ פונ כיידער
מענאשקע אונ בערל? זיי זײַנענ ניטאָ מער.
איז רופט אימ אראָפּ דער דערוואָרגענער יאָמער,
צי עפשער דער גוטער, דער פריילעכער סיידער,
וואָס ס'ווילט זיכ ביז גאָר אימ פארענדיקנ דאפקע...

איז רופט אימ גאָר עפשער די טונקעלע כאווקע,
דאָס שווארצינקע מיידל מיט הימלשע אויגנ —

זיך שפּילן אין זאמד און א שטיבעלע בויען,
האָט ער דאָך געזען אין פרימאָרגן אין גרויען,
ווי ס'איז איר נעשאָמיז דורך דעכער געפלויגן...
איז רופט אים דאָס וויגל, ווו ער איז געלעגן,
די וויגליד מיט ראָזשינקעס זיסע און מאנדלען?
ער ווייסט, אז זיין וויג ליגט צעבראָקט אָפּ די וועגן
און ס'וועט מער זיין טאטע ניט וואָגלען, ניט וואנדלען...

איז וואָס זשע ציט פאָרט אים אראָפּ פון די הייכן,
וואָס שלעפּט אים מיט צוואנגען צום שטיבל צום קליינעם,
ווו ס'ליגן פארדעקט ווי מיט קאָלדרעס, מיט רויכן
די שטילע אָפּ אייביק אנשלאָפענע שכיינים,
איז רופט אים זיין קינדהייט? זי איז שוין געשטאָרבן,
דער סאָד, ווו ער האָט זיך געשפּילט, איז פארדאָרבן.
וואָס רופט אים פונדאנען? וואָס ציט ווי מיט צוואנגען?
דעם זיידנס געבאָטן? דאָס קאָל פון דער מאמען?
זי האָט אים באגלייט ביז דעם הילצערנעם טויער
און האָט אים געבעטן מיט מאמישן טרויער,
ער זאָל זיך צו לאנג אינעם וועג ניט פארזאמען,
זי וועט אָפּ איםווארטן... זי ווארט דאָרט מיסטאמע...
דריי טעג איז א שטיין אָפּ זיין הארצן געלעגן,
און שטיל האָט זיין מויל זיך גענומען באוועגן,
פון הייך האָט א פאל געטאָן ציטעריק: מאמע...
אזוי הייבט זיך אָן דאָ די נייע האגאָדע:
געווען איז א וועלט דאָ, געלעבט האָט א שטאָט דאָ...

כ

אזוי הייבט זיך אָן דאָ די נייע האגאָדע:
געווען איז א וועלט דאָ, געלעבט האָט א שטאָט דאָ...

מיט ליידיקע הענט און מיט טרויער באשאָנקען,
די שאָטנס פון ווארשעווער געטאָ נאָר בלאָנקען,

פון גאס אוּן צו גאס און פון געסל צו געסל
זיי האָבן דעם וועג צו דעם זיג ניט פאַרגעסן...

עס טראָגט זיי שוין איצט ניט קיין טרונק און קיין עסן
דער פּוילישער שאָכן, ער קומט ניט ווי נעכטן...
עס ברענגט שוין קיין ביקס ניט פון וועלדער פּאַטלאַטע
דער פּוילישער פּויער צום קאַמף צום גערעכטן.
עס רייַסט זיך ניט מער שוין דורך פינצטערע גראַטעס
מיט פּאָנעס און שפּיזן די העלע יעשוע,
אָפּ ליפּן אָפּ טויטע דער לעצטער געשריי ליגט,
און ס׳רוען אין שווגנ אינעם לעצטן געהייליקט
די קדושים פון געטאָ, זיי ליגן און רוען,
און ס׳הייבן זיך קוילן פון זייערע טרערן,
און ס׳הייבן זיך פלאַמען פון זייערע קלאָלעס...

עס שוועבן די וואַרשעווער שאָטנס אין גאָלעס,
זיי שוועבן און שטייַגן, זיי שוועבן און הערן,
ווי ס׳טראָגט זיך דורך פלאַמען, דורך ווייטעק, דורך בראָכן,
דורך וועלדער פאַרברענטע, דורך ראָוועס, דורך יאָרן,
דורך סטעפּעס, דורך שטורעמס, דורך אַלע געפאַרן
פון רוסישער גרענעץ דער גרוס פון ניצאָכן.

וואָס טוט מען? קיין אייצע קאָן קיינער ניט געבן,
דאָס ייִנגל האָט קיינמאָל געוואָלט אַזוי לעבן
ווי איצטער, נאָר ס׳קומען די לעצטע מינוטן,
געוויס וועט אים קיינער ניט נעמען מיט גוטן.
נאָר אָט האָט דער טויט זיך צו אים דורכגעריסן,
דער יונג האָט די טרוקענע ליפּן פאַרביסן:

פון רייַכטימער אַלע, וואָס ער האָט געיאַרשנט,
פאַרמאָגט ער די פאָן און דעם כורבן פון וואַרשע.

וואָס טוט ער? ער ווישט זיך דעם שווייס מיטן אַרבל,
ער קאָן מער ניט לעבן, נאָר ווי קאָן ער שטאַרבן?

א קוק אפ דער פּאַן און א קוק אפן אָוונט,
די פּאַן איז נאָך קיינמאָל געווען אזוי נאָענט!
א מענטש איז א מענטש, איז געלעבט און געשטאָרבן —
א פּאַן טאָר ניט פאלן אפ דר'ערד ווי א קאָרבן!

א נעם טוט דאָס ייִנגל די פּאַן די צעווייטע
און וויקלט צונויפ אירע פאלדן די ברייטע
און ווארפט זי ארופ, ווי א מאנטל א גרינגן,
אפ פּלייצעס אפ זײַנע, דאָס ווארשעווער ייִנגל,
ער קוטעט זיך אײַן אין איר רום, אין איר ווייטעק
און טוט זיך א וואָרפ פון צעשײַטערטן גאָרן...

אזוי איז די פּאַן ניט געלעסטערט געוואָרן!

ס'באגלייטן אים קוילן ווי האָגלס, ווי שלאקסן,
ס'באגלייט אים א טויבער געוויי פון שאקאלן,
און ס'טראָגט זיך דאָס ייִנגל, די פּאַן אפ די אקסל,
די הענט ווי די פליגל, די אויגן ווי שטראלן.

כא

און ס'טראָגט זיך דאָס ייִנגל, די פּאַן אפ די אקסל,
די הענט ווי די פליגל, די אויגן ווי שטראלן.

די דונערס און בליצן אלץ וואקסן און וואקסן,
און ס'ווארטן די רויבער, דאָס ייִנגל זאָל פאלן,
נאָר ס'פאלט ניט. עס טראָגט זיך אלץ ווײַטער און ווײַטער,
און אונטן די ערד ליגט אין ווונדן, אין שײַטערס,
פארזייט מיט געקוילעטע זיידעס און קינדער...

ס'פארײַסן די קעפ די געשווירענע שינדער
און זוכן און זוכן די פּאַן און דעם היטער.
פון שאָסן און גוואלדן דער ערד-נאָפּל ציטערט,
פון שאָסן און גוואלדן די סעדער זיך שאָקלען,
מע נישטערט דעם הימל מיט לאַנגע בינאָקלען,

אָט ווייַזט ער זיך ווידער, דער יונג מיטן מאַנטל,
אָט בלענדן אין הימל די פלאַמיקע קאַנטן
און ווערן, ווי בליצן צעפלאַמט, און פאַרשווינדן,
אָט ווערט ער אַ וואָלקן אַף קעפּ פון די קינדער,
אָט ווערט ער אַ שטערן אַ בלאַסער, אַ בלינדער,
אָט ווערט ער אַ סרייפע, די פינצטערניש צינדט ער,
אָט ווייַזט ער זיך ווידער, און אָט־אָ פאַרשווינדט ער...

ער טראָגט זיך און פאַלט ניט. ווער האָט אים באַפליגלט,
דאָס ייִנגל פון געטאָ? די וויגליד אין וויגל?
ווער האָט אים באַפליגלט, דאָס ייִנגל פון געטאָ,
די טויב נאָכן מאַבל? אַן אָנזאָג אַף שפּעטער,
דער גלויבן, אַז ס'גרינען שוין צווייַגן און בלעטער
אין טויהו־וואָוואָהו? דער רום פון די אָוועס,
וואָס איז ניט געפאַלן געשענדט אין די ראָוועס?
וואָס ווייסט ניט פון שרעק און פון שאַנד און פון בושע.
ווער האָט אים באַפליגלט? די שטאָלצע ירושע
פון זיידן דעם שוסטער, דעם וואַרשעווער ייִדן,
וואָס האָט זייַן כאַריפּעס אין שטרייַקן געשליפן?
די מומעס די שטילע? די פעטערס די שמידן?
די פויגלען, וואָס האָבן אַף לופטיקע שיפן
געבראַכט אים דעם שווונג און דעם רייעך פון פליגל?
צי עפּשער דער טאַטע — דער מילנער דער פרייַער,
וואָס מ'האָט אַף די פליגל פון מיל דער געטרייַער
געהאַנגען — ער זאָל ווי אַ פליגל זיך וויגן...

וואָס זייַנען די פליגל? דער אומרו פון מילן?
די שטענדיקע גרייטקייַט? די קראַפט און דער ווילן?
צי זייַנען די פליגל אין איינער אַ נאַכט גאָר
פון רוסישע שנייען דעם ייִנגל געבראַכט גאָר
און זייַנען געשליפן פון טייַערסטע שטאָפן,
פון שטאָפן, וואָס ווערן געבוירן אַף צאָפן?

און עפשער גאָר זײַנען די פליגל בלויז פארבן,
וואָס שווינדלען באַם זון-פארגאנג ערגעץ אין הייכן,
און עפשער גאָר זײַנען זיי פּאָשעט א צייכן
פון קיינמאָל ניט לעבן און קיינמאָל ניט שטארבן,
א צייכן, וואָס קישעפּט און בלענדט נאָר און רינגלט...

וואָס זײַנען די פליגל? דאָס וואַרשעווער ייִנגל,
דאָס ייִנגל פון געטאָ איז יונג נאָך און ווייסט ניט,
דאָס ווייסן ניט יענע, וואָס האָבן קיין טרייסט ניט
און האָבן קיין האָפענונג מער אין דעם קיִעם,
דאָס ווייסן די אלטע און נײַע נעוויִים,
די דוירעס די פריִע, די דוירעס די שפּעטע,
דאָס ווייסן די העלדן, וואָס קומען באַגריסן
די פאָן פון דער געטאָ, דאָס ווייסט דער געוויסן,
דאָס ווייסן די שאָטנס פון וואַרשעווער געטאָ,
דאָס ווייסן די פּאָשעטע מענטשלעכע ריזן,
וואָס טראָגן די גרויסע געולע אַפ שפּיזן!

אינהאלט

מײַנ שווּע

זײַט

מײַנ שווּע 3
סטאלינ 5
די טערקישע שאל 7
בלײַ 9
האָב איכ נאָכ א שטיקל הארצ . 10
באמ פרישנ קייווער 11
קאָלירנ 13
א באלאדע וועגנ דעמ זאָקנ
מיטנ טשעמאָדאנ 15
בענקשאפט 18
בריקנ 20
באלאדע וועגנ זאָרגלאָזע פייגעלעכ
פײַער 24
א בוקאָווינער באלאדע 26
צו אימ 31
זיג 33
א באלאדע וועגנ דויוור־בער דעמ
שמיד 35
די מיל פונ מילכאָמע 39
א באלאדע וועגנ א פארטיזאנ . 41
אפ די קיִעווער שײַטערס . . . 43
וואָס מיינט ער, דער בערלינער
לעצ 45
א באלאדע וועגנ אומשטערבלעכנ . 47

זײַט

וויגליד 52
מײַנ געוויסנ 53
א באלאדע וועגנ אויסשפּירער . 54
העלדנ 59
א באלאדע וועגנ א פאָרפאָלק . 61
שאקאלנ אונ די זונ 65
א באלאדע וועגנ דער פאר־
שטערטער סימכע 69
בײַטשלאנד 75
א באלאדע וועגנ סאָלדאט מיט
דער קוליע 77
זײַנ שווארצע לעווײַע 79
אווראָמ־ייִצכאָק אונ דער בער־
לינער קונצנמאכער 81
הערט מיכ, ברידער 91
אפסנײַ 93

רײַפקײַט

איכ בינ א גוואר 95
זייגערמאכערס 97
צו מײַנ טאָכטער 99
באהיט מיכ, גאָט! 100
אנ אלטער ניגנ 101
עס טרעפט אמאָל 102
אינ אנ אלטנ וואלד 103
א וואָרט אזא 104

	זײַט
אין רעגעס פֿון צאַר	106
אָוונט	107
צו א טאָטערן	109
ווי דאָס גראָז	110
עפּיטאַפֿיע	111
קינדהײַט	112
קומט זוכן דעם נעכטיקן טאָג	114
מײַן ליבער	116
לייקע	118
שימקעס געווייַן	121
ריווע טווער	123
דאָס בערעזענע געזינדל	125
די מאמע פֿרעגלט אײַנגעמאכטס	127
צו דער איין-און-איינציקער	129
סטעפּ	130
שווימט ארום אָסקאר אוײַלד	132
א סענטימענטאַלע באַלאַדע	134
וואָס איז לאַנגווײַל?	135
פֿון מײַן באַבעס וויגלידער	136
שפּאַנען מיר דעם שליטן	138
אונדזער לאָשעק	141
שוואַנען	143
סאָנעט	144
איך זאָג עס קלאָר	145
דער רעגן און דער שטויב	146
א שעמעוודיק מיידל	147
די זון פֿארגייט	149
שוואָמען	150
צו א בוים	152
ברודער מײַנער	153
דער אָנהייב פֿון א ליבע האַרבסט	154
א	157
ב	159
ג	161
אומדערוואַרטקײַט	162
פֿליט ארום א פֿויגל	163
ערדישע ליד	165
מײַן גוטער גורל	166
וואָס קוקסטו, טאַם?	168
די עלטער	169
שאָטנס פֿון ווארשעווער געטאָ	171

Редактор *С. Галкин*. Заставка и обложка худ. *Г. Ингера*.
Тех. редактор *А. Кантор*.

Сдано в производство 16/V-45. Подписано к печати 29/VIII-45 г. Б—15154. 6,75 печ. л. 7,45 учетно-изд. л. Количество печ. зн. в листе, 48000. Формат $72 \times 103^1/_{32}$. Тираж 6.000. Заказ 1924

13-ая типография треста „Полиграфкнига“ ОГИЗа при СНК РСФСР, Москва Денисовский, 30.